# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

**ויצא**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



© 2022 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## ויצא

עולים ויורדים - די מצב איז טונקל? דער בוכ"ע וויל רעדן צו דיר באַהאַלטענערהייט............ב

### הילולת הרה"ק הבת עין זי"ע

יומא דהילולא - אַ זמן זיך צו מקשר זיין מיט'ן צדיק............ח
ומציון יסעדך - השתטחות ביים ציון פון דעם צדיק............ט
תערוך לפני שלחן - אַ סעודה לכבוד די נשמה פונעם צדיק............יג

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# ויצא

## עולים ויורדים - די מצב איז טונקל? דער בוכ"ע וויל רעדן צו דיר באַהאַלטענערהייט

'**ויצא** יעקב מבאר שבע וילך חרנה' (כח, י). זאָגט דער מדרש (ב"ר פס"ח, ב) אַז ווען יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען קיין חרן אויפ'ן באַפעל פון זיין טאַטן חתונה צו האָבן, איז עשו'ס זון אליפז געקומען און ער האָט איהם אַלעס צוגענומען. האָט יעקב געזאָגט דעם פסוק 'שיר המעלות אשא עיני אל ההורים מאין יבוא עזרי', און דערנאָך האָט יעקב געזאָגט, ווען אליעזר איז געגאַנגען נעמען רבקה'ן אַלס אַ פרוי פאַר יצחק, זאָגט דאַרט דער פסוק (בראשית כד, י) 'ויקח העבד עשרה גמלים' וגו', אָבער איך האָב נישט קיין נאָז באַנד און נישט קיין האַלדז באַנד צו געבן פאַר די כלה. אבער דערנאָך האָט ער געזאָגט, 'מה אנא מובד סברי מן בריי?' - וועל איך דען פאַרלירן מיין בטחון אין מיין באַשעפער? ניין, 'לית אנא מובד סברי[א] מן בריי' - איך פאַרליר נישט מיין בטחון אין מיין באַשעפער[ב], נאָר 'עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ' - מיין הילף וועט קומען פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט באַשאַפן הימל און ערד.

---

**א.** הרה"ק רבי יעקב אריה מראדז'ימין זי"ע זאָגט ('דברי אביב', ויצא) אויף דעם לשון פון מדרש, לית אנא 'מובד' סברי, איך 'פאַרליר' נישט מיין בטחון. לכאורה, ווי איז שייך ביי דעם א לשון פון 'אבידה'. ענטפערט ער, אַז באמת איז ביי יעדן איד אין האַרצן, טיף-טיף איינגעפלאַנצט אמונה און בטחון, נאָר מ'דאַרף עס אויפדעקן און אַרויסציען פון די פנימיות פון זיין האַרץ, און אַכטונג געבן אַז ער זאָל נישט פאַרלירן די דאָזיגע אמונה. דעריבער, ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַז מ'טוט איהם אויספרובן פון הימל מיט אַ הסתר פנים, האָט ער אויסגערופן הויך אויפ'ן קול, 'לית אנא מובד סברי מן בריי' - איך וועל נישט ערלויבן אַז די נסיונות זאָלן מיר גורם זיין צו פאַרלירן מיין טייערסטן פאַרמעגן, וואָס דאָס איז, אמונה פשוטה און בטחון אין דעם אויבערשטען.

מ'קען צושטעלן צו דעם אַ טייער וואָרט וואָס איינע פון די צדיקי הדור שליט"א האָט געזאָגט, אויפ'ן פסוק סוף פרשת מקץ (להלן מד, יג) 'ויעמוס איש על חמורו', זאָגט רש"י, 'בעלי זרוע היו, ולא הוצרכו לסייע זה את זה לטעון' - זיי זענען געווען שטאַרקע מענטשן, און האָבן נישט געדאַרפט העלפן איינער דעם אַנדערן אַרויפצולאָדענען אויף זייערע אייזלען. דאַרף מען פאַרשטיין, צי דען האָט דער פסוק נישט געהאַט ווען צו לאָזן אונז הערן אַז די שבטים זענען געווען שטאַרקע לייט, נאָר דעמאָלס ווען מ'האָט געכאַפּט בנימין'ען אַז ער האָט גע'גנב'עט?... איז דער תירוץ, נאָך 22 יאָר פון צער אַז יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן, און צוקוקנדיג יעקב'ס טרויער און צער, און אין צוגאָב דערצו, איז אויך צוגעקומען די צרה פון שמעון וואָס יוסף האָט איהם איינגעזעצט אין מצרים, און דערנאָך נאָך אַ צרה אַז בנימין איז געכאַפּט געוואָרן אַלס דער וואָס האָט 'גע'גנב'עט' דעם בעכער... מוז זיין אַז זיי האָבן געהאַט אַן אויסטערלישע גבורת הנפש, וואָס אַ מענטש קען נישט ביישטיין אין אַזעלכע צרות אויב ער איז נישט גאָר שטאַרק אין גייסט (די שטאַרקייט פונעם גוף, איז נישט מער ווי אַן אויסערליכער אויסדרוק פאַר די גבורת הנפש וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט). דאָס קען דינען אַלס אַ לימוד פאַר אַלע בעלי יסורים וואָס דער אויבערשטער פרובט זיי אויס, יעדער איינער אויף זיין אופן, אַז אַוודאי זענען זיי גיבורי חיל, און זיי דאַרפן זיך שטאַרקן מיט די גרויסע כוחות וואָס זיי פאַרמאָגן אין זיך, און דאַרפן זיך שטאַרק היטן נישט צו 'פאַרלירן' די דאָזיגע כוחות...

**ב.** דער מאַקעווער רב, הגאון בעל "אהל משה" זצ"ל, טייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כח, טז) ווען יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף: 'אכן יש ה' במקום הזה, ואנכי לא ידעתי'. די גאַנצע התגלות פון דעם חלום איז געווען צו ווייזן פאַר יעקב ווען ער איז געגאַנגען קיין חרן, אַז אויך אין אַזאַ מצב, 'והנה ה' ניצב עליו', איהם צו היטן, און דער אויבערשטער האָט איהם צוגעזאָגט אַלע גוטע ברכות. אויף דעם האָט יעקב געזאָגט "אכן יש הוי"ה', וואָס הוי' איז דער שם פון מדת הרחמים. עס געפינט זיך דאָ דעם באַשעפער'ס רחמנות, 'ואנכי לא ידעתי' - און איך האָב בכלל נישט געוואוסט דערפון. מ'האָט איהם יעצט געוויזן פון הימל, ווי אויך אין די צרה איז באַהאַלטן רחמים גמורים. דאָס איז געווען צו לערנען יעקב און זיינע קינדער נאָך איהם, אַז מ'טאָר זיך נישט מייאש זיין חלילה.

**דאָס** זעלבע דאַרפן מיר, די קינדער פון יעקב אבינו ע"ה, געדענקען ווען עס קומען ח"ו נסיונות און שוועריגקייטן, דער מענטש האָט שאָדן געלט אָדער חלילה אין ענינים פון רפואה ל"ע, צער גדול בנים, זיווגים א.ד.ג.. דאַרף מען זיך שטאַרקן און נישט ווערן שוואַך ביי זיך אין האַרץ, מ'טאָר נישט פאַרלירן האָפענונג און אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, צו טראַכטן אַז דער אויבערשטער כביכול האָט 'פאַרגעסן' פון איהם חלילה, נאָר מ'זאָל זיך איינ'חזר'ן 'לית אנא מובד סברי מן בריי...', איך פאַרליר נישט מיין בטחון אין דעם אויבערשטען[ג], און איך וויל זיך שטאַרקן מיט אמונה[ד], און מיט בטחון אַז 'עזרי מעם ה' עושה שמים

---

צוליב דעם האָט יעקב אבינו ע"ה מתקן געווען צו דאַווענען תפילת ערבית (ברכות כו:), כדי צו ווייזן, אַז אויך אויב דער מענטש דערגרייכט אַ מצב ווען זיין 'זון' גייט אונטער חלילה. עס זעהט אויס אין זיינע אויגן ווי די וועלט איז איהם 'פינצטער' ח"ו, טאָר ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש, נאָר ער דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען און מתפלל זיין צו איהם.

**ג.** הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע זאָגט (פרשתינו, ד"ה ויחלום ג') אויפ'ן פסוק אָנהייב פרשה (כח, יב) 'ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו'. מיר ווייסן דאָך אַז דער מענטש דאַרף זאָגן 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און אויך דאָס וואָס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש אַז עס איז אַ רעה ח"ו, איז בעצם נאָר פאַר די טובה פונעם מענטש. דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם, איז שטענדיג בשמחה, און אויך ווען עס איז איהם נישט גוט ח"ו איז ער אויך פריילך, ווייל ער ווייסט אַז 'גם זו לטובה'.

דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק (תהלים סח, ד) 'וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלוקים'. 'אלוקים' איז מרמז אויף מידת הדין, און די צדיקים וואָס זענען גאַנץ מיט זייער אמונה, פרייען זיך אויך אין אַ מצב פון 'לפני אלוקים', ווען עס קומט אויף זיי מידת הדין ח"ו.

לויט דעם קען מען טייטשן דעם ענין פון דעם חלום מיט'ן לייטער וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן. די מעשה מיט'ן חלום פאַנגט זיך אָן, 'והנה ה' ניצב עליו ויאמר' וגו'. חז"ל זאָגן (ספרי, פרשת קרח) אַז איבעראַל וואו עס שטייט 'והנה', איז עס אַ לשון פון שמחה, און וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געוואָלט שטאַרקן דאָס האַרץ פון יעקב ווען ער דאַרף גיין אין גלות אין אַ פרעמד לאַנד, האָט ער איהם געוויזן דעם לייטער, ווי די מלאכים פון הימל גייען אַרויף און גייען אַראָפּ - 'עולים ויורדים בו'. דער אויבערשטער האָט געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב, אַז אין יעדן מצב, סיי ווען ס'איז 'עולים', סיי ווען ס'איז 'יורדים' ח"ו, זענען זיי שטענדיג בשמחה ('והנה'). דער טעם פאַרוואָס זיי קענען זיך האַלטן פריילך, איז ווייל 'ה' ניצב עליו' וגו' והנה אנכי עמך', אַז אַ איד ווייסט אַז דער אויבערשטער שטייט איבער איהם, און ער איז מיט איהם, אַלעס וואָס פאַסירט מיט'ן מענטש איז מיט אַ השגחה עליונה פון הימל, קען ער זיין פריילך...

הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע, האָט געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, ל) 'ויאהב גם את רחל מלאה'. די מעלה פון שמחה, איז גרעסער ווי בכיה, און די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) אַז די טויערן פון טרערן זענען נישט פאַרשלאָסן געוואָרן (אויך נאָכ'ן חורבן בית המקדש), איז משמע פון דעם, אַז אַ געוויין איז נישט בכוח 'אויפצוברעכן' די טויערן, נאָר די טויערן זענען געבליבן אָפען. שמחה, אָבער, רייסט אויף אַלע מחיצות. עס צעברעכט אַפילו אייזערנע טירן און צעשניידט די העקלעך און ריגלעך פון אייזן.

זאָגט דער הייליגער רבי ר' משה לייב, 'לאה' איז מרמז אויף דעם ענין פון בכיה, ווייל זי האָט דאָך געוויינט אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין חלק פון עשו הרשע, ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, יז) 'ועיני לאה רכות'. 'רחל' איז מרמז אויף שמחה. קומט דער פסוק אונז לערנען, 'ויאהב גם את רחל מלאה', דער אויבערשטער כביכול האָט ליב שמחה ('רחל'), מער ווי אַ געוויין ('לאה').

**ד.** אַן עלטערער בחור, וועמען ס'איז געגאַנגען זייער שוועהר מיט אַ שידוך, האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיין רבי'ן וועגן זיין מצב. צווישן אַנדערע האָט דער בחור געזאָגט צום רבי'ן מיט אַ צובראָכענעם טאָן: 'ווי עס ווייזט אויס, האָט דער אויבערשטער כביכול פאַרגעסן פון מיר'... (חלילה). האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- מ'טאָר ח"ו נישט אַזוי זאָגן. דער אויבערשטער פאַרלאָזט נישט און ער פאַרגעסט נישט פון קיינעם, חלילה. ער טראַכט שטענדיג וועגן יעדן מענטש באַזונדער. נאָר וואָס דען, יעדער איד האָט זיין אייגענעם 'וועג' אין לעבן...

וארץ'[ה]. 'התיצבו וראו את ישועת ה'', און דורך די התחזקות וועט אויפשיינען אַ גרויסע לעבטיגקייט'[ו], 'ונס יגון ואנחה'.

אַזוי שרייבט דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע (פרשתינו, ד"ה 'טעם'), אויף דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, לב-לד) 'ותקרא שמו ראובן, כי ראה ה'

---

דאַן ער האָט אַרויסגענומען דעם בחור אויף אַ שפּאַציר. שפּאַצירנדיג, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען ביי אַ 'מושב זקנים', און דער רבי איז אַריינגעגאַנגען אינעם 'מושב זקנים'. דער בחור האָט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם, וואָס זוכט דער רבי יעצט אין דעם 'מושב זקנים'. האָט דער רבי איהם געענטפערט, אַז ס'איז כדאי פאַר זיי אַריינצוגיין דאָרט, אפשר וועלן זיי באַגעגענען אַן אַלטן איד, וואָס געדענקט נאָך מעגליך דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אָדער אפשר גאָר, דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, און מ'וועט קענען הערן עובדות און סיפּורים פון אַ 'כלי ראשון'...

האָט דער בחור זיך געוואונדערט: זינט דער הסתלקות פונעם בעל שם טוב, זענען שוין אַדורכגעגאַנגען איבער 250 יאָר, ווי אַזוי קלערט דער רבי, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ זקן וואָס איז איבערגעבליבן און האָט אַזוי לאַנג געלעבט?... האָט דער רבי איהם געענטפערט: 'ס'איז דאָך אָבער מעגליך, אַז אַן אַלטער איד איז דאָ 'פאַרגעסן געוואָרן', אָדער ער איז אפשר בטעות 'איבערגעבליבן' אויף דער וועלט... אההה, נאָר דאָ פלוצלינג גלייבסטו אַז 'אין שכחה לפני כסא כבודך', און אַלעס איז מיט אַ חשבון פון הימל. פונקט אַזוי ווי ס'איז דיר קלאָר אַזוי די זון אינמיטן העלן טאָג, אַז קיין באַשעפעניש בלייבט נישט אייביג אויף דער וועלט ווייל מ'האָט 'פאַרגעסן' פון איר, אַזוי דאַרפסטו וויסן און פאַרשטיין, אַז אויך די מענטשן וואָס לעבן נאָך ב"ה, איז נישט שייך אַז דער בורא כל עולמים זאָל חלילה 'פאַרגעסן' פון זיי...

**ה.** דער מדרש זאָגט (ב"ר פס"ח, י) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כח, יא) 'ויפגע במקום', אַז ווען יעקב האָט געוואָלט אַדורכגיין, איז די גאַנצע וועלט געוואָרן פאַר איהם אַזוי ווי אַ וואַנט. 'כי בא השמש', די זון איז געוואָרן פאַרלאָשן. דער אויבערשטער האָט געמאַכט איינזינקען דעם 'גלגל' פון די זון, פאַר די צייט.

דער מדרש ברענגט דערויף אַ משל, דעם קעניג'ס גוטער פריינט וואָס קומט צו איהם פון צייט צו צייט, און דער קעניג האָט געוואָלט רעדן מיט איהם אין געהיים, האָט ער געזאָגט פאַר זיינע קנעכט זיי זאָלן אויסלעשן די לעכט און די לעמפּ אינעם פּאַלאַץ, ווייל ער וויל יעצט רעדן געהיימניסן מיט זיין גוטן פריינט. אַזוי האָט דער אויבערשטער מאַכט אַז די זון זאָל אונטערגיין פאַר די צייט, כדי ער זאָל קענען רעדן מיט יעקב באַהאַלטענערהייט.

די כוונה דערפון איז, ווען יעקב האָט געזעהן אַז וואו ער ווענדעט זיך 'טאַפּט ער אַ וואַנט'. עס האָט אויסגעזעהן ווי דער אויבערשטער האָט חלילה 'פאַרלאָשן' די לעכטיגקייט פון די זון און טונקל געמאַכט די גאַנצע וועלט אַרום און אַרום, האָט יעקב זיך געשטאַרקט מיט אמונה, וויסנדיג קלאָר אַז דאָ איז נישט אַ פינצטערניש, און נישט אַ הסתרה, נאָר לעכטיגקייט און נאָענטקייט, ווייל דער אויבערשטער וויל רעדן מיט איהם באַהאַלטענערהייט, און דייקא אין אַזאַ צייט איז ער משפיע אויף איהם אַלעס גוטס.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, זאָגט אַ רמז אין דעם וואָס דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן אין חלום צו יעקב אבינו ע"ה. מיר געפינען ביי יחזקאל, אַז ער האָט געזעהן ג-טליכע מראות, און 'מעשה מרכבה' דייקא אין בבל, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט שטאַרקן די אמונה ביי אידישע קינדער, אַז דער אויבערשטער פאַרלאָזט זיי נישט, נאָר אדרבה, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה מג, יד) 'למענכם שולחתי בבלה', און ווי דער זוהר הקדוש זאָגט באריכות (ח"ב ב:). צוליב די זעלבע סיבה האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו יעקב דווקא ווען ער איז געגאַנגען קיין חרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין גלות לליידן ביי לבן הארמי, כדי צו ווייזן פאַר יעקב אַז ער געפינט זיך מיט איהם דווקא אין דער שווערע צייט, און ער וועט איהם קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

דער גאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל, גאב"ד חוסט וירושלים, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (כח, יג) 'והנה ה' ניצב עליו וגו' והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו'. לכאורה, וואָלט געדאַרפט שטיין אין פסוק פאַרקערט, 'יורדים ועולים', ווייל צוערשט זענען די מלאכים אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, און אויפ'ן וועג צוריק, זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אין הימל?

זאָגט הרב דושינסקיא בדרך משל, אַ מענטש קומט אָן צו אַ חתונה, און זעהענדיג אַז דער חתן און די מחותנים זיצן אינאיינעם ביי איין טיש (נישט ביים אויבן-אָן), וואונדערט ער זיך: פאַרוואָס זיצן זיי נישט אויבן-אָן, ביי דער 'מזרח-וואַנט? ערשט נעכטן בין איך געזעסן דאָ אין דעם זאַל ביי אַ חתונה, און איך האָב געזעהן ווי דער חתן און

בעניי'. שמעון - 'כי שנואה אנכי'. לוי - 'הפעם ילוה אישי אלי'. זי האָט זיי אָנגערופן מיט די דאָזיגע נעמען,

כדי צו ווייזן אַז ווען אַ איד גייט אַריבער צייטן פון 'עניי', 'שנואה'... זאָל ער וויסן און גלייבן אַז 'ראה ה'',

---

די מחותנים זיצן ביי דער מזרח-וואַנט... האָבן די אַרומיגע זיך צעשמייכלט און געזאָגט, 'דו רעדסט דאָך נאַרישקייטן. די מזרח-וואַנט ווערט באַשטימט דאָרט וואו דער חתן זיצט, און נישט פאַרקערט... היינט, אַז דער חתן זיצט ביי דעם טיש, איז דאָ די מזרח-וואַנט, און נישט פאַרקערט... דאָרט וואו דער חתן זיצט, דאָרט איז אַ חשוב'ע אָרט.

דער נמשל איז, יעדן טאָג ווערט דאָס גיין אין הימל אַריין באַצייכנט ווי אַן 'עלייה' - אַן אַרויפגיין, ווייל דאָרט וואוינט דער באַשעפער, און דאָרט אהין 'גייט מען אַרויף', אָדער פאַרקערט. דאָס אַרויסגיין פון דאָרט ווערט אָנגערופן 'ירידה' - אַן אַראָפּנידערן, אָבער יעצט, ווען 'והנה ה' ניצב עליו', איז די הויפּט-חשיבות דאָ, אויף דער וועלט, און ווען די מלאכים זענען געקומען פון הימל צו דער ערד, ווערן זיי אָנגערופן 'עולים', און ווען זיי גייען צוריק אַרויף צום הימל, זאָגט דער פסוק 'יורדים', ווייל זיי זענען דאָך אַוועקגעגאַנגען פון דעם אָרט פון די שכינה.

פון דעם לערנען מיר, אַז יעדעס מאָל ווען אַ מענטש שפּירט זיך אַז ער איז 'דערוווייטערט', דאַרף ער וויסן אַז דעמאָלס רוהט דער אויבערשטער אויף איהם. עס איז נישט דאָ אַ נענטערער פון איהם אין אַזאַ צייט. כביכול, דאָרט איז דער 'הימל', און ער האָט נישט וואָס צו זיין טרויעריג, ווייל ער שטייט דאָך אויף אַ גוטן אָרט.

דער ש"ך על התורה (פרשתינו, ד"ה 'ונה'), ברענגט דאָס לשון פונעם מדרש (ב"ר פס"ט, ג) אויפ'ן פסוק 'והנה ה' ניצב עליו'. עס איז צוגעגליכן צו אַ קעניג וואָס האָט געזעהן אַן אָרימאַן ליגן אויף אַ פעלד, און ער באַשיצט איהם און היט איהם אָפּ פון שלעכטע חיות. אַזוי האָט דער אויבערשטער אָפּגעהיטן יעקב אבינו ע"ה פון עשו און פון לבן.

דער ש"ך זאָגט אַ רמז, ה' נצ'ב עלי'ו איז ראשי תיבות ענ"י. דאָס לערנט אונז די גרויסקייט פון אַן אָרימאַן, אַז דער אויבערשטער דערנענטערט זיך צו איהם גאָר שטאַרק, און ער שטייט איבער איהם. פאַרשטייט זיך אַז מ'מיינט נישט דווקא איינעם וואָס איז 'אָרים' אין געלט, נאָר אין יעדן ענין, אויב עס פעלט איינעם אַ געוויסע זאַך, הייסט ער אַן 'אָרימאַן' לגבי יענעם ענין.

דער גרעסער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט זיין זון, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע (ווען ער איז געווען אַ קינד), אויב עס איז געווען אַ לייטער - 'סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה' -פאַרוואָס איז יעקב אבינו ע"ה נישט אַרויפגעגאַנגען מיט'ן לייטער צום הימל? האָט דאָס קינד, דער 'פני מנחם', געענטפערט, עס איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ חלום... האָט זיין פאָטער, דער' אמרי אמת', איהם ווייטער געפרעגט: כאטש אין חלום, האָט ער געדאַרפט אַרויפגיין צום הימל...'. האָט דער 'פני מנחם' געענטפערט:

- וואָס האָט יעקב געהאַט אַרויפצוגיין צום הימל, אַז דער אויבערשטער שטייט דאָ העכער איהם. 'והנה ה' ניצב עליו' - וואָס האָט ער דעמאָלס צו זוכן אין הימל?...

דער 'אמרי אמת', האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם קלוגן ענטפער פון זיין בן זקונים (געברענגט אין ספר 'ליקוטי יהודה', פרשתינו, ע' ד"ש, עיי"ש).

פון אונזער זייט, ווילן מיר צולייגן: וואָס איז דאָ זיך צו באַקלאָגן אַז מ'שטייט אויף אַ נידעריגע מדריגה, און מ'גייט זוכן דעם באַשעפער דאָט און דאָרט. דו דאַרפסט וויסן, אַז דער אויבערשטער שטייט ממש נעבן דיר, דאַרפסטו זיך ווענדן צו איהם, און עס וועט דיר זיין גוט.

**ו.** ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה שטייט (לא, נג), לבן האָט געזאָגט צו יעקב, 'אלוקי אברהם ואלוקי נחור ישפטו בינינו, אלוקי אביהם'. 'וישבע יעקב בפחד יצחק אביו'. פרעגט הגה"ח רבי יצחק מתתיהו לוריא זצ"ל (אין ספר 'נחלי אמונה', בסופו), פאַרוואָס דאַרף די תורה ברענגען די דברי כפירה פון דעם רשע לבן, וואָס ער האָט דערמאנט דעם נאָמען פון באַשעפער כביכול צוזאַמען מיט זיין עבודה זרה. דער פסוק וואָלט געדאַרפט שרייבן נאָר 'וישבעו שניהם', אַז ביידע, יעקב און לבן, האָבן געשוואוירן.

איז דער תירוץ, לויט ווי די ספרים הקדושים שרייבן, אַז אויב עס פאַסירט אַז אַ מענטש זאָל הערן כפירה פון מויל פון אַ רשע, זאָל ער באַלד אַרויסזאָגן פון מויל ווערטער פון אמונה, כדי בטל צו מאַכן די השפעה פון די כפירה-רייד פון דעם רשע וואָס ער האָט געהערט. יעקב אבינו ע"ה, האָט טאַקע באַלד ביים הערן די ווערטער פון לבן הרשע, תיכף געשוואוירן 'בפחד אביו יצחק', און דעריבער שרייבט די תורה די ווערטער וואָס לבן הרשע האָט געזאָגט, כדי אונז צו לערנען ווי אַזוי מ'דאַרף זיך פירן ווען מ'הערט כפירה ווערטער פונעם מויל פון אַ רשע.

דער אויבערשטער - זעהט איהם, און שמע ה' דער מענטש גייט אַריבער'[ז], און צום סוף וועט דער מענטש אויבערשטער הערט איהם. ער ווייסט אַלעס וואָס דער זוכה זיין צו 'שמחנו כימות עניתנו'[ח], ווייל אַלע

---

**ז.** אין גאַנץ פרשת ויצא, איז נישט דאָ אַ הפסק צווישן די פרשיות, מיט אַ 'פּתוחה' אָדער אַ 'סתומה'. זאָגט אויף דעם, דער 'שפת אמת' (שנת תר"נ) די הפסקות זענען געמאַכט געוואָרן כדי צו געבן אָרט זיך מתבונן צו זיין צווישן איין פרשה און די אַנדערע פרשה (ספרא, פרשת ויקרא). אָבער דאָ, ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געליטן אַזוי פיל צרות, איז נישט די פּאַסיגע צייט זיך אָפּצושטעלן און זיך מתבונן צו זיין, ווייל מיט דעם וועט מען שוואַך ווערן אין די אמונה. ווען דער מענטש גייט אַריבער אַ שווערע תקופה, דאַרף ער זיך נישט אָפּשטעלן, נאָר ווייטער פאָרזעצן די גאַנצע צייט, און גלייבן מיט אמונה פשוטה, אַז אַלעס וואָס ווערט געטוהן פון הימל, איז אַ טובה און אַ ברכה פאַר דעם מענטש. ערשט נאָך דעם ווי עס ענדיגן זיך די צרות, זאָל ער זיך מתבונן זיין אין דעם עבר, און דאַן וועט ער זעהן אַז אַלעס איז געווען פאַר זיין פולשטענדיגע טובה.

דער 'מי השילוח' (ליקוטי הש"ס) זאָגט אַ וואונדערליכן טעם, פאַרוואָס די מסדרי הש"ס האָבן געשטעלט מסכתא ביצה נאָך מסכת סוכה. ביים סוף פון מסכת סוכה ווערט געברענגט אין דער גמרא אַ מעשה מיט מרים, די טאָכטער פון דעם כהן בילגה, וואָס האָט זיך גע'שמד'ט רח"ל, און ווען די יוונים זענען אַריינגעקומען אין היכל, האָט זי געקאָפּעט מיט איר שוך אויפ'ן מזבח. ווען די חכמים האָבן געהערט דערפון, האָבן זיי גע'קנס'עט די גאַנצע משמורה פון בילגה (זעה סוכה, דאָרט), ווייל 'אוי לרשע אוי לשכנו'.

איז שווער, דער משמר פון בילגה, האָט אויך געהאַט צדיקים. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען גע'קנס'עט דעם גאַנצן משמר? וועגן דעם האָבן חז"ל מסדר געווען מסכתא ביצה באַלד נאָך מסכתא סוכה, כדי מרמז צו זיין פאַר דעם מענטש, אַז ער דאַרף 'פאַרמאַכן דאָס מויל', ווייל אַ מענטש קען נישט אַראָפּשלינגען אויף איינמאָל, מער ווי דאָס איי פון אַ הינדל (עס איז ווי מ'זאָגט עמיצן, אויב דו ווערסט אַריינלייגן אַ גאַנץ איי אין דיין מויל, וועסטו נישט קענען אַרויסזאָגן אַ וואָרט...). דאָס הייסט, לעתיד לבוא וועט מען זעהן קלאָר, אַז אַלעס איז געווען אויסגערעכנט פון הימל.

**ח.** עס שטייט אין סדר עולם (רבה השלם פ"ב, עיי"ש) אַז רחל און לאה זענען געווען צווילינג. רחל איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 37 יאָר, און לאה האָט געלעבט זיבן יאָר לענגער, און איז געווען 44 יאָר אַלט ביי איר פּטירה.

זאָגן די ספרים, לאה האָט דאָך מיטגעמאַכט 'זיבן שווערע און ביטערע יאָר', צוזעהענדיג ווי יעקב אַרבעט פאַר לבן, כדי ער זאָל באַקומען איר שוועסטער, רחל, פאַר אַ ווייב, און זי וועט דאַרפן חתונה האָבן מיט עשו הרשע. דער אויבערשטער זאָגט אָבער, 'מנעי קולך מבכי' - וויין נישט, ווייל פאַר די זיבן שווערע יאָר, וועסטו צום סוף זוכה זיין צו וואוינען אַליין מיט יעקב, די זיבן יאָר פון איר לעבן וואָס זי האָט איבערגעלעבט איר שוועסטער רחל.

דער לימוד לענינינו: אַפילו ווען עס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש, אַז ער האָט שווערע צייטן, דאַרף ער גלייבן אַז דער אויבערשטער מיינט נאָר זיין טובה, און וויסן אַז ער אַליין פאַרשטייט נישט די הימלישע חשבונות: 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'.

דער 'בעל הטורים' זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כח, יב) והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה'. דער פּסוק איז מרמז, אַז דער וואָס ליגט 'אַראָפּגעוואָרפן" אויף דער ערד, זאָל ער וויסן אַז דאָס איז נאָר צייטווייליג, ווייל נאָך אַ טאָג-צוויי, וועט ער נאָך אַמאָל אַרויפגיין 'צום הימל', דאָס הייסט, זיין מזל וועט אויפשיינען.

אַזוי זאָגט דער 'אברבנאל', אַ טעם פאַרוואָס לאה האָט נישט געלויבט דעם אויבערשטען ווען אירע ערשטע קינדער זענען געבוירן געוואָרן, נאָר ערשט ביים געבורט פון יהודה, ווייל ביי די ערשטע קינדער, האָט זי געוואוסט פאַרוואָס זיי זענען געבוירן, ווייל דער אויבערשטער איז דאָך דער גרויסער בעל רחמנות, און אַזוי פירט זיך דער אויבערשטער, ער האָט רחמנות אויף די מענטשן וואָס זענען צובראָכן ביי זיך, עכ"ל.

דער אמת איז, אַז דייקא דער מצב פון 'מוצב ארצה', איז דער וועג אויפצוהייבן דעם מענטש ביז'ן הימל.

מ'דערציילט, אַז אַ פּשוט'ער איד איז אַמאָל געקומען קיין זידיטשויב צו הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע, בעל 'עטרת צבי', וועלכער האָט איהם אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד. די תלמידים האָבן זיך זייער געוואונדערט פאַרוואָס דער רבי גיט אָפּ אַזוי פיל כבוד פאַר דעם איד. האָט דער 'עטרת צבי' געענטפערט: 'אויף איינע פון מיינע נסיעות, איז מיר אויסגעקומען איינצושטיין אַ לענגערע צייט ביי דעם איד. מ'האָט מיר דאָרט געגעבן נאָר 'לחם צר ומים לחץ',

שוועריגקייטן[ט] וואָס דער מענטש גייט אַריבער, זענען די גרויסע טובה וואָס איז אָנגעגרייט געוואָרן פאַר נאָר פאַר זיין טובה', איהם צוצוגרייטן אָנצונעמען איהם.

---

און אַ 'געלעגער', אינעם בהמה-שטאַל... באמת, אָבער, האָט דער שווערער מצב מיינער אין גשמיות, מיך אויפגעהויבן ברוחניות צו גאָר הויכע מדריגות. איך בין דעריבער שולדיג פאַר דעם איד אַ הכרת הטוב, אויף דעם וואָס ער האָט מיך אויפגעהויבן צו אַזעלכע הויכע מדריגות...

מיט דעם האָט דער זידיטשויבער רבי געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, א) 'ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה'. 'כל הכבוד' מיינט די הויכע מדריגות צו וועלכע יעקב איז אויסגעשטיגן, אַז דאָס אַלעס איז געקומען 'מאשר לאבינו' - פון אונזער טאַטן וואָס האָט איהם געפייניגט און אויסגענאַרט, ווייל די שטערונגען און שיפלות זענען אַ הכנה צו די גרויסקייט וואָס קומט שפּעטער.

**ט.** אין דער היינטיגער סדרה (לא, מו) לייענען מיר: 'ויאמר יעקב לאחיו לקטו אבנים וגו', ויקחו אבנים'. האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, געפרעגט אויף דעם שינוי הלשון, צוערשט זאָגט דער פסוק 'לקטו' (איר זאָלט קלויבן), און דערנאָך זאָגט דער פסוק אַ לשון פון נעמען: 'ויקחו'.

האָבן מיר געהערט פון אַ גדול, 'אבנים' - שטיינער - איז מרמז אויף שוועריגקייטן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (פרשתינו כט, ב) 'והאבן גדולה על פי הבאר'. יעקב אבינו ע"ה האָט פאַרשטאַנען אַז יעדער "שטיין" איז באמת אַ 'דיאַמאַנט' - אַ טייערער 'שטיין' וואָס איז גורם פאַר דעם מענטש אַן עליה. וועגן דעם האָט ער געזאָגט 'לקטו', איר זאָלט קלויבן די טייערע שטייער, און זיי גוט אָפּהיטן. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען אַנדערש. זיי האָבן אָנגעקוקט יעדן שטיין אַזוי ווי אַ שטערונג, און וועגן דעם, 'ויקחו אבנים', זיי האָבן גענומען די שטיינער (און נישט געקליבן), אַזוי ווי איינער וואָס נעמט די שטיינער כדי זיי אַוועקצוּוואַרפן.

דער 'חפץ חיים' זי"ע זאָגט ('מחנה ישראל' ח"ב, פי"ג) אַ משל, איינער האָט געדינגען אַ הויז פון אַ געוויסן שר פאַר דריי הונדערט רובל אַ חודש. אַמאָל האָט דער שר געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט צו אַ ווייטן אָרט, און ער האָט באַשטימט איינע פון זיינע מקורבים, אַלס ממונה אויף זיינע פאַרמעגנס, אַריינגערעכנט אויפ'ן הויז וואָס דער איד האָט געדונגען.

דער נייער ממונה איז געווען אַ גרויסער רשע. ער האָט געהעכערט די שכר דירה פאַר יעדן איינעם, צו פינף הונדערט רענדלעך. ווען ס'איז געקומען דער טאָג צו באַצאָלן, האָט געפעהלט פאַר דעם איד 20 רובל צו צאָלן דעם חוב, און ער האָט זיך געבעטן ביי דעם ממונה, אַז ער זאָל איהם געבן עטליכע טעג צייט דעם חוב, ביז ער וועט צוזאַמענשטעלן דעם גאַנצן סכום. דער רשע האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו, און ער האָט איהם דערלאַנגט 20 ביטערע קלעפּ - אַ קלאַפּ פאַר יעדן איינצנעם רובל וואָס ער האָט פאַרפעלט צו צאָלן. דאָס זעלבע האָט ער געטוהן אויך מיט די אַנדערע דינגערס.

מיט דער צייט, איז דער ממונה געוואָרן רייך, און האָט זיך געקויפט אַ הויז. אַ צייט שפּעטער, איז דער שר צוריקגעקומען אַהיים, און איז געווען שטאַרק אויפגעברויזט צו הערן וועגן אַלע רשעות'דיגע אַקטן וואָס דער ממונה האָט אָפּגעטוהן. ער האָט געזאָגט פאַר דעם איד, 'יעצט, וועל איך איהם באַשטראָפן, ער זאָל דיר דאַרפן באַצאָלן פאַר יעדן פאַטש וואָס ער האָט דיר געגעבן, 100 רובל'. ער האָט צוגעגעבן: 'אָט האָט ער געקויפט פאַר זיך אַ גרויסן 'גיט', וואָס איז ווערד פיר טויזנט רובל, און אַזוי וועט אַ העלפט פונעם גיט געהערן צו דיר... (די ווערד פון צוויי טויזנט רובל, פאַר די 20 קלעפּ וואָס דו האָסט באַקומען פון דעם ממונה).

דער איד איז אַהיים געקומען אַ פאַרזויערטע, און אויף די פראַגע פון זיין בני בית פאַרוואָס ער איז אַזוי צוגעלייגט, האָט ער געענטפערט: 'איך שפּיר דאָך שוין יעצט נישט דעם ווייטאָג פון די קלעפּ. ממילא, טוט מיר ווי פאַרוואָס דער רשע האָט מיר נישט דערלאַנגט נאָך 20 קלעפּ, וואָס דאַן וואָלט דער גאַנצער גיט באַלאַנגט צו מיר'...

זאָגט דער 'חפץ חיים': דער נמשל איז, אויב דער מענטש ליידט יסורים אויף דער וועלט, האָט ער בשעת מעשה צער דערפון און ער וויל דאָך נישט ליידן יסורים, און ווען ער קומט אַרויף אויף יענער וועלט, און מ'גיט איהם שכר פאַר יעדער שעה פון יסורים וואָס ער האָט געליטן אויף דער וועלט, פרייט ער זיך מיט יעדע מכה און ווייטאָג וואָס ער האָט געליטן, ווי דער מדרש זאָגט (ספרי פרשת האזינו, אות שיא, עיי"ש), אויפ'ן פסוק (דברים לב, ז) 'זכור ימות עולם'. דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, אַזוי לאַנג ווי איך ברענג יסורים אויף ענק אויף דער וועלט זאָלט עטס

# הילולת הרה"ק הבת עין זי"ע

**יומא דהילולא - אַ זמן זיך צו מקשר זיין מיט'ן צדיק**

**דעם** קומענדיגן דינסטאָג הבעל"ט, י"ב כסלו, געפאַלט די יומא הילולא קדישא פון בעל 'בת עין' הרה"ק ר' אברהם דוב ב"ר דוד זצוקלה"ה.

**דער** "מאירי" זאָגט אין זיין ביאור אויף ספר משלי (כה, כז) אַז צו רעדן וועגן אַ צדיק און זיינע פעולות אויף דער וועלט, זענען אַ כבוד פאַר איהם, און עס איז גוט צו רעדן וואָס מער וועגן די צדיקים. ווייל דורך רעדן אַ סאַך וועגן זיי, וועט ער נישט זינדיגן, ווען ער וועט זיך אָנכאַפּן אין זייערע וועגן און אָנקלעבן זיך אין זייערע גוטע מעשים.

**דאָס** איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן אין טאָג פון די יאָרצייט פון אַ צדיק, ווייל אויך אין די עולמות העליונים, באַשעפטיגט מען זיך נאָר מיט זיינע דברי תורה, און מיט די מעשים טובים וואָס דער צדיק האָט געטוהן בחיים חיותו אויף דער וועלט.

**אַזוי** שרייבט דער רמ"ע מפאנו זי"ע, אין זיין ספר "כנפי יונה" (ח"ב סי' צב, מובא בס' "ישמח ישראל", ט"ז סיון), אַז אין לשון פון חז"ל ווערט אַ חתונה גערופן "הילולא", און אויך אַ יאָרצייט ווערט אָנגערופן "הילולא", וואָס מיינט אַ חתונה. דאָס איז דערפאַר, ווייל פונקט ווי ביי אַ חופה איז מען פאַרנומען נאָר מיט די חתונה, און אויב איינער וועט דעמאָלטס צוקומען צום חתן אָדער צו די מחותנים, און ער וועט זיי פרעגן אַ קשיא, אַפילו אין די שווערסטע סוגיות פון ש"ס, וועט מען איהם ענטפערן שיינערהייט: "דאָ איז נישט די פלאַץ און די צייט דערפאַר...", אַזוי איז אין טאָג פון די הסתלקות פון אַ צדיק, וואָס דעמאָלטס איז מען עוסק נאָר מיט די דברי תורה וואָס דער צדיק האָט געזאָגט בחיים חיותו.

**מיט** דעם טייטשט ער די ווערטער פון חז"ל (ברכות ו:) "אגרא דבי הילולא מילי", אין די יאָרצייט זאָגט מען נאָר "מילי" - די דברי תורה וואָס דער צדיק האָט געזאָגט בחייו.

**ממילא,** דאַרפן מיר אין דעם טאָג פון די הילולא פונעם הייליגן צדיק, הרה"ק בעל "בת עין" זי"ע, זיך באַשעפטיגן מיט זיינע דברי תורה[א], און פרובירן גיין אין זיינע הייליגע וועגן. און אויף אַזאַ אופן,

---

געדענקען וויפיל טובות און נחמות איך האָב אָנגעגרייט ענק צו געבן אויף יענער וועלט. דער עיקר איז, צו גלייבן אַז אַלעס איז מיט די השגחה פרטית פונעם באַשעפער פאַר די טובה פונעם מענטש, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ס:) 'כל דעבדין מן שמיא, לטב הוא דעבדין', עכ"ל.

די וועלט זאָגט, ווען דער מענטש האָט יסורים ח"ו, קרעכצט ער, 'אוי... אוי'... 'אוי' באַטרעפט די צאָל 17, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'טוב', ווייל באמת איז יעדער 'אוי' גוט, נאָר צומאָל איז עס באַהאַלטן, און מ'זעהט עס נישט...

**י.** איינע פון די חסידים פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, האָט פאַרלוירן זיינע פאַרמעגנס און איז געוואָרן אַ יורד ל"ע. האָט דער 'ברכת אברהם' איהם געוואָלט ערמוטיגן, האָט ער איהם געזאָגט דעם פסוק (קהלת ה, יב) 'יש עושר שמור לבעליו לרעתו'. און ער האָט געטייטשט דעם פסוק, עס פאַסירט אַמאָל אַז מידת הדין שטאַרקט זיך ח"ו און עס גייט אַרויס אַ גזירה חלילה, אָבער אין הימל איז מען ממתיק דעם דין דורך דעם וואָס מ'גיט פאַר דעם מענטש גרויסקייט און רייכטום, כדי אַז ווען עס וועט קומען די צייט, זאָל מען אָנוועקנעמען ביי איהם די גאַנצע 'גרויסקייט' און 'כבוד'. אַזוי וועט ער אָפּצאָלן זיין חוב צו מידת הדין. אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'עושר שמור לבעליו', דאָס רייכטום ווערט צומאָל געגעבן פון הימל פאַר'ן מענטש, און מען 'היט' עס פאַר די צייט ווען עס איז נגזר געוואָרן די גזירה אויף איהם. קומט אויס אַז דו האָסט גאָרנישט שאָדן געהאַט, נאָר אדרבה, דו האָסט געהאַט אַ גרויסן ריווח, אַז דו ביזט פטור געוואָרן פון די גזירה...

**יא.** עס שטייט אין ספה"ק "בית אברהם" (פ' נח, עמוד יב, ד"ה "ענין"), אַז אפילו איינער וואָס האָט נישט געקענט דעם צדיק ווען ער האָט געלעבט אויף דער וועלט, און האָט נישט געהערט פון איהם דברי תורה, פונדעסטוועגן, די מענטשן וואָס גייען אין זיינע פיסטריט און קומען זיך צוזאַמען אין טאָג פון זיין יאָרצייט, און זיי דערציילן הייליגע סיפורים, און זיי חזר'ן זיינע הייליגע ווערטער וואָס ער האָט געלערנט ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא, דורך דעם האָבן זיי אַ קשר און אַ שייכות מיט'ן צדיק, עכ"ל.

וועלן מיר זיך אָנקלעבן אינעם צדיק, און זיך פאַרבינדן מיט זיין היילינגע נשמה, און אַזוי וועלן מיר זוכה זיין, "תורתו מגן לנו[יב], ימליץ טוב בעדינו" אמן.

אַ גרעסערן כח ווי ביי זייער לעבן. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער גייסט פונעם היילינגן צדיק שוועבט און דעקט-צו מיט זיינע פליגל, צו העלפן אידן וואָס קלאַפן אויף די טויערן פון רחמים[יג].

**ומציון יסעדך - השתטחות ביים ציון פון דעם צדיק**

**די** גמרא זאָגט (חולין ז:) גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן. די צדיקים האָבן נאָך זייער הסתלקות,

**דער** 'ישמח ישראל' ('מאורן של ישראל', יד שבט, אות ב) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער טאָג פון די הסתלקות פון אַ צדיק, ווערט אָנגערופן 'הילולא', ווייל דער טאָג

---

**יב.** הג"ר ישעיה טישלער שליט"א פון בני ברק, דערציילט, אַז אין יאָר תשע"ז האָט ער אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס באַגעגנט אַ יונגערמאַן פון "קרית ספר", אַריינקומענדיג אין אַ חסיד'יש בית המדרש אין בני ברק. דער יונגערמאַן, איז געקומען אויף שבת צו זיין שווער וועלכער וואוינט אין בני ברק. נאָכ'ן איהם זאָגן "גוט שבת", האָט דער יונגערמאַן געפרעגט רבי ישעיה'ן אויב עס געפינט זיך דאָ אין שול דער ספר "בת עין". האָט רבי ישעיה איהם געענטפערט, אַז דאָ אין שול איז נישט דאָ דער ספר "בת עין", אָבער ער האָט דעם ספר ביי זיך אינדערהיים. "אויב דו ווילסט, קום מיט מיר, און איך וועל דיר באָרגן דאָס ספר", האָט רבי ישעיה געזאָגט צו דעם יונגערמאַן.

איז דער יונגערמאַן געגאַנגען מיט רבי ישעיה'ן, צו באָרגן פון איהם דאָס ספר. גייענדיג אויפ'ן וועג, פרעגט רבי ישעיה דעם יונגערמאַן, אויב ער וויל דווקא דאָס ספר, אָדער ס'איז גוט אויך אַן אַנדער חסיד'יש ספר...

האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט, אַז געווי אַ יאָר פריער, איז געוואָרן 12 יאָר פון זיין חתונה און זיי זענען נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. זענען זיי געפאָרן קיין צפת, מתפלל צו זיין ביים היילינגן "בת עין" זי"ע (ס'איז נישט געווען אין טאָג פון זיין יאָרצייט). וויבאַלד ער איז אַ כהן, האָט ער נישט געקענט גיין אויפ'ן בית החיים צום היילינגן "ציון", נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שוהל פונעם "בת עין" אין צפת. דאָרט האָבן ער און זיין בני בית "געשפּאָלטן הימלען" מיט זייערע געבעטן און געוויינען געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, און ער האָט דאָרט מקבל געווען אויף זיך, אַז ווען עס וועט ביי איהם געבוירן ווערן אַ זון, וועט ער יעדן שבת ביי די סעודה לערנען דעם ספר "בת עין" אין לויף פון ערשטן יאָר פונעם קינד'ס געבורט... דערציילט דער יונגערמאַן ווייטער, אַז זיי זענען טאַקע באַלד געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, און ער האָט באַלד געקויפט דעם ספה"ק "בת עין", כדי ער זאָל קענען לערנען דערין יעדן שבת. ער איז ב"ה מקיים זיין קבלה טובה, נאָר דאָ, אין בני ברק, אין הויז פון זיין שווער, האָט ער נישט געפונען דעם ספר, וועגן דעם האָט ער עס געזוכט אין שול...

איינער פון אונזער חבורה האָט געהערט פון אונז די דאָזיגע עובדא (אין טאָג פון די היילינגע הילולא, אין יאָר תשע"ח), און וויבאַלד ער האָט זיך געגוויטיגט אין אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער וועלכע איז שוין נישט יונג געווען, האָט ער תיכף ומיד גענומען אויף זיך צו לערנען יעדן שבת אין ספה"ק "בת עין", און ביז אַ קורצע צייט האָט מען געטראָפן פאַר איר אַ גוטן שידוך. צוויי חדשים שפּעטער איז שוין געפראַוועט געוואָרן די חתונה, און ביז אַ יאָר פון זיין קבלה, האָבן זיי בעזרת השי"ת שוין געפראַוועט אַ ברית פאַר זייער בכור!

**יג.** ווי מיר האָבן שוין דערציילט, האָט אויך די הסתלקות פון היילינגן 'בת עין' זי"ע, געראַטעוועט אַסאַך אידישע לעבנס אין עיה"ק צפת. פּאַסירט האָט עס אָנהייב יאָר תר"א. אין צפת האָט זיך דעמאָלס פאַרשפּרייט אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט רח"ל וואָס איז געווען זייער אַנשטעקיג. ווער עס האָט נאָר אָנגערירט איינעם פון די קראַנקע איז אויך געוואָרן נישט געזונט ל"ע. די מגיפה האָט ליידער אומגעבערענגט אַסאַך מענטשן, און אויך דער 'בת עין' איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די קראַנקהייט, און האָט זיך געראַנגלט עטליכע טעג צייט מיט די מחלה. פאַר זיין הסתלקות, האָט ער צוגעזאָגט פאַר די שטאָט-לייט, אַז ער איז דער לעצטער קרבן פון די מגיפה. נאָך איהם, וועט שוין מער נישט זיין אַ מגיפה אין שטאָט, וכך הוה.

עס שטייט אין ספרי (פ' עקב, פסקא לח) וועגן די ברכה וואָס צדיקים ברענגען מיט זיך איבעראַל וואו זיי גייען: ווען יעקב איז געקומען צו לבן, איז מיט איהם מיטגעקומען אַ ברכה... ווען יוסף איז געקומען צו פּוטיפר, איז מיטגעקומען אַ ברכה... ווען יעקב האָט אַראָפּגענידערט צו פרעה, האָט ער מיטגעברענגט אַ ברכה, מיט דעם וואָס די הונגער יאָרן האָבן זיך געענדיגט פאַר דער צייט. דער תנא קמא זאָגט דאָרט, אַז נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק

איז פאַר דעם צדיק אין דער בחינה פון אַ 'הילולא', וואָס אויף אַראַמיש לשון, מיינט עס, אַ טאָג פון אַ חתונה. פונקט אַזוי ווי ביי אַ חתונה, לייענט מען פאַר די כתובה פאַר דעם חתן, כדי איהם צו דערמאַנען זיינע התחייבות'ן כלפי די כלה, אַזוי טוט מען אין טאָג פונעם יאָרצייט פון אַ צדיק, דערמאַנען זיין התחייבות פאַר די מענטשן וואָס האָבן זיך געוואָרימט אין זיין שאָטן[יד], עכ"ל.

אין דעם כלל, איז אויך דאָס וואָס מ'דערמאַנט פאַר דעם צדיק, אַז ער איז בכח צו 'באַצאָלן די חובות'[טו]...

---

געוואָרן איז דער הוגער צוריקגעקומען ביז עס האָט זיך אויסגעלאָזט די צייט (פון זיבן יאָר). רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אָבער, 'אין זה קידוש השם' - עס איז נישט אַ קידוש השם, אַז די ווערטער פון אַ צדיק זאָל האָבן אַ קיום ביי זיין לעבן, און בטל ווערן נאָך זייער פאַרלאָזן די וועלט. נאָר וואָס דען, די שפע וואָס קומט אַראָפּ דורך דעם צדיק, האָט אַ קיום אויף אייביג.

**יד.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט, וואָס דער קאַטאַמאָנער רב, הגה"צ רבי יהושע דייטש זצ"ל, ברענגט ('בית הלחמי', פ' פקודי), אַז ווען ער איז געווען אַ בחור אין יאָר תרפ"ז, האָט ער יום טוב סוכות פאַרבראַכט אין מונקאַטש, ביי הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע. דעם צווייטן טאָג יום טוב, אין די הילולא פון הרה"ק בעל 'דרכי תשובה' זי"ע אבד"ק מונקאַטש, איז זיין זון, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, געגאַנגען צום טאַטן'ס ציון. דער 'מנחת אלעזר' האָט זיך געפירט, צו זינגען דעם פיוט 'בר יוחאי', ביים ציון פון זיין פאָטער (אויפ'ן סמך פון דעם וואָס זיין טאַטע, דער 'דרכי תשובה', האָט מחבר געווען דריי בענדער 'באר לחי רואי', אויפ'ן תיקוני זהר). אַזוי האָט ער אויך געטוהן יענעם יאָר.

נאָכ'ן זינגען 'בר יוחאי', האָט דער 'מנחת אלעזר' אויסגעטייטשט אין דעם זמר, די ווערטער 'אשרי העם הם לומדיך'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, עס וואָלט ענדערש געפאַסט צו זאָגן, 'אשרי לומדי תורתך', אָדער 'חיבורך'. דאָס וואָרט 'לומדיך', איז לכאורה משמע אַז מ'לערנט אַ לימוד מיט רבי שמעון בר יוחאי.

האָט דער מונקאַטשער רב געזאָגט אַ כוונה, אַז דאָס איז מרמז אויף דעם וואָס אין צייט פון אַ צרה ח"ו גייט מען צו די ציונים פון די צדיקים, זיי זאָלן מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה, און מיר ווייסן דאָך אַז 'הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל'. ממילא, טוט מען צומאָל באַהאַלטן אַ גזירה פונעם צדיק, כדי דער צדיק זאָל עס נישט בטל מאַכן. וועגן דעם גייען אידן צום צדיק'ס קבר, כדי מקיים צו זיין 'הם לומדיך' - צו 'לערנען' מיט'ן צדיק וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, וועלכע שווערע גזירות עס זענען נעבעך אויסגעגאָסן אויף אידישע קעפּ ל"ע. (דערנאָך האָט דער 'מנחת אלעזר' אויסגערעכנט פאַר זיין טאַטן באריכות די צרות וואָס ער פערזענליך ליידט).

**טו.** דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געטייטשט דעם ענין פון 'הילולא' ביי צדיקים. דער צדיק האָט דעם כוח אויסצופועל'ן גרויסע ישועות אויף דער וועלט, אָבער ווען דער צדיק ווערט נסתלק, ווערט ער געוואויר אין הימל אַז אַלעס וואָס דער באַשעפער טוט, איז בעצם אַ טובה פאַר דעם מענטש, און ממילא, אַרבעט ער נישט מער אָפּצוטוהן דעם צער פון אידישע קינדער וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט.

אַזוי דערציילט מען, אַז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, האָט פאַר זיין הסתלקות צוגעזאָגט פאַר זיין תלמיד, הרה"ק רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, אַז ווען ער וועט אַרויפקומען אין הימל, וועט ער נישט רוהען ביז עס וועט בטל ווערן אַ שווערע גזירה וואָס האָט דעמאָלס געהאַנגען אויף די קעפּ פון אידישע קינדער. אָבער אַ צייט שפּעטער, האָט דער רבי ר' מענדעלע געזעהן דעם רבי'ן ר' אלימלך אין חלום, און ער האָט איהם געזאָגט, 'יעצט אַז איך בין אין הימל, זעה איך נישט מער די שלעכטע גזירות, ווייל אַלע גזירות זענען גוט, און ממילא, קען איך עס נישט בטל מאַכן'.

זאָגט דער בעלזער רב זי"ע, אַז אין טאָג פון אַ יאָרצייט, קומט אַראָפּ די נשמה פונעם צדיק אויף דער וועלט, און זי זעהט ווייטער אַלע צרות און ווייטאָגן וואָס אידישע קינדער ליידן נעבעך טאָג-טעגליך. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָך די נשמה דאָרט אויף דעם עולם העליון, און עס קומט אויס אַז זי פאַרמאָגט גרעסערע כוחות ווי ווען זי האָט זיך געפונען אויף דער וועלט. דעריבער האָט דער צדיק אַ כח צו פועל'ן גרויסע ישועות, העכער פון די טבע.

די ספרים טייטשן דעם פסוק (בראשית כז, א) 'ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות'. זאָגט רש"י (אין איין פשט) אַז בשעת די עקידה, ווען אברהם האָט געוואָלט שחט'ן יצחק'ן, האָבן די הימלען זיך געעפנט און די מלאכי השרת האָבן געזעהן (די עקידה) און זיי האָבן געוויינט, און זייערע טרערן זענען אַראָפּגעקומען און געפאַלן אויף די אויגן פון יצחק. פון דעם איז זיין ראיה טונקל געוואָרן.

**נאָך** בעסער ווערט די תפילה אויסגעהערט אין הימל, פון אַ בעל הילולא[טז], בפרט ביי דעם צדיק דער 'בת
ווען מ'שטייט און מ'איז מתפלל ביים הייליגן ציון עין' זי"ע, וועלכער האָט אָפגעשטעלט דעם האָגל פון

---

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען גענדאַרפט עפענען די הימלען כדי די מלאכים זאָלן זעהן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, אַז יצחק ווערט געברענגט אויף די עקידה?

ענטפערן די ספרים, די מלאכים זעהען אַלעס אין הימל. נאָר וואָס דען, דאָרט ווײנען זיי נישט דערויף, ווייל דאָרט זעהען זיי דאָך נאָר די טובה וואָס איז באַהאַלטן אין די צרה. וואָס האָבן זיי דען צו ווײנען, אויף אַ זאַך וואָס איז אַ טובה און אַ ברכה. אָבער ווען זיי קוקן אַראָפּ אויף דער וועלט, און זיי זעהען ווי אידישע קינדער זיפצן און קרעכצן - יעדער אײנער אויף זיין ווייטאָג, ווײנען זיי אויך אומאויפהערליך, ביז יצחק'ס אויגן זענען לײדער בלינד געוואָרן פון זייערע טרערן.

**טז.** מענין לענין: איינע פון די צדיקי בית רוזין האָט געזאָגט, אַז דערפאַר האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז די טיר פון די מערה פון דעם ציון פונעם 'בת עין' זי"ע, איז זייער נידעריג, מ'קען דאָרט נישט אַריינקומען נאָר אויב מ'בייגט זיך אַראָפּ. דאָס איז כדי צו דערמאָנען פאַר יעדן איינעם וואָס קומט אַריין אין די הייליגע מערה, אַז דאָס איז די תורה וואָס דער בעל ההילולא האָט פאַר אונז איבערגעלאָזט: זיך אַראָפּצובייגן און זיך מכניע זיין אין יעדער צייט.

ס'איז טאַקע באַקאַנט, אַז ענוה איז געווען איינע פון די יסודות וואָס דער בעל ההילולא, דער הייליגער 'בת עין' זי"ע, האָט געלערנט מיט אידן, ווי ער האָט אַליין עדות געזאָגט אויף זיך, אַז פון זיין יוגנט האָט ער זיך צוגעוואוינט זיך גאָר שטאַרק צו דערווייטערן פון גסות הרוח. דער גאַנצער ספר 'בת עין', איז טאַקע פול מיט ווערטער וועגן די גרויסקייט פון הכנעה און ענוה, און די שאַנדע פון די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס.

ס'איז באַקאַנט, אַז ווען עס איז פאָרגעקומען די שרעקליכע ערד ציטערניש אין צפת אין יאָר תקצ"ז, איז רוב פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, לײדער באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות, און נאָר אַ צענטל פונעם ישוב האָט עס איבערגעלעבט. ווען עס איז פאָרגעקומען די ערד ציטערניש, האָט דער 'בת עין' מיט זיין מנין, געהאַלטן אינמיטן חזרת הש"ץ פון מנחה. אויפ'ן אָרט האָט דער 'בת עין' באַפוילן, אַז אַלע וואָס געפינען זיך אין דער שול, זאָלן אים אַרומרינגלען, און ער אַליין האָט זיך געלייגט בפישוט ידים ורגלים אויף דער ערד, אויסצו'פועל'ן אַ ישועה. אַ האַלבע שול איז טאַקע איינגעפאַלן, צוזאַמען מיט'ן דאַך, אָבער די צווייטע העלפט, וואו די מתפללים זענען געשטאַנען נעבן דעם 'בת עין', איז געבליבן גאַנץ. דאָס קען יעדער איינער זעהן ביז'ן היינטיגן טאָג.

שפעטער האָט דער 'בת עין' מסביר געווען פאַרוואָס ער האָט זיך משתטח געווען אויף דער ערד, ווייל ער האָט געזעהן אַז עס האָט פאַסירט שלא כדרך הטבע, די שטיינער זענען נישט געפאַלן אויף דער ערד, אַזוי ווי געווענליך, נאָר זיי זענען געוואָרפן געוואָרן פון דרום צו צפון, און פון צפון צו דרום. פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די האַנט פון דעם ס"ם רח"ל, כדי חרוב צו מאַכן די הייליגע שטאָט צפת, און אויף אַזאַ אופן, איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, נאָר 'התבטלות'. וועגן דעם האָט ער זיך משתטח געווען אויף דער ערד, מיט אַ פולשטענדיגע 'התבטלות', אַזוי ווי דער הייליגער אמורא רבי אחא בר יעקב האָט זיך געפירט ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט'ן ס"ם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איהם אין דער געשטאַלט פון אַ שלאַנג מיט זיבן קעפּ. און רבי אחא בר יעקב האָט אָפּגעהאַקט די זיבן קעפּ פונעם שלאַנג, דורך זיך בוקן אויף דער ערד (קידושין כט:).

ווען אַ מענטש האָט הכנעה פאַר דעם באַשעפער, איז ער זוכה אַז זיינע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן, ווי דער בעל ההילולא טייטשט ('בת עין', פ' וארא, ד"ה 'וגם אני') דעם פסוק (בראשית ב, ז) 'וייצר ה' אלוקים את האדם עפר מן האדמה ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה'. ער שרייבט בזה הלשון: 'כשיש לאדם הכנעה באמת ונחשב בעיניו כעפר, אז ויהי האדם לנפש חיה' - ווען דער מענטש האָט אמת'דיגע הכנעה. ער באַטראַכט זיך ממש ווי ערד, באַקומט ער אַ לעבעדיגן נפש, וואָס דער תרגום אונקלוס טייטשט (די ווערטער 'ויהי האדם לנפש חיה'), 'לרוח ממללא'. דאָס הייסט, ער קען דעמאָלס זאָגן ווערטער מיט וועלכע ער קען אויס'פועל'ן אַ ברכה און אַ גרויסע שפע.

דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"א קכב.) 'מאן דזעיר איהו רב' (דער וואָס האַלט זיך קליין, איז באמת גרויס). מיט דעם זאָגט דער 'בת עין' (דרושים לשבה"ג, ד"ה 'וידבר') בדרך רמז, אַ טייטש אויף די ווערטער פון יעקב אבינו ע"ה (בראשית לב, י) 'קטונתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך'. דער 'טראָפּ' אויפ'ן וואָרט 'האמת', איז אַ 'זקף קטון'. דאָס איז

שטיינער וואָס זענען געפלויגן אויף די קעפּ פון אידן אין צפת ווען עס האָט דאָרט פּאַסירט די ערד-ציטערניש אין יאָר תרצ"ז. וועלן מיר אויך היינט אָפּשטעלן, מיט'ן כח פון דעם בעל הילולא זי"ע, די שווערע 'שטיינער' וואָס דריקן נעבעך אויף אידישע הערצער, און דעם האָגל פון צרות וואָס שוועבן איבער די קעפּ פון אידישע קינדער, און דער אויבערשטער זאָל זאָגן 'גענוג' צו אַלע אידישע צרות[יח].

**דעם** כוח פון ישועות וואָס מ'קען פועל'ן ביים קבר פון אַ צדיק[יט], זעהען מיר אויך פון די ווערטער פון דער גמרא (סוטה יד., בהוספת הגהות הב"ח, אות א) **אַ טעם** פאַרוואָס דער קבר פון משה רבינו ע"ה איז פאַרהוילן און באַהאַלטן פון מענטשן, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און אידישע קינדער וועלן פאַרטריבן ווערן פון זייער לאַנד, און דאַן וועלן זיי קומען צום ציון פון משה רבינו, און זיך אויסוויינען פאַר איהם, זיי וועלן איהם בעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי, און משה וועט זיך אוועקשטעלן דאַווענען און ער וועט בטל מאַכן די גזירה, ווייל די צדיקים זענען באַליבט ביים אויבערשטען, נאָך זייער הסתלקות, נאָך מער ווי ביים לעבן.

---

אַ רמז, אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין (אַזוי ווי יעקב אבינו ע"ה וואָס ער האָט געזאָגט 'קטונתי'), איז דער אמת אַז ער איז 'זקוף' - אויפגעשטעלט, אויבן אין הימל. נאָך מער, ער איז זוכה אַז מ'זאָל פון הימל זיך מיט איהם פירן מיט אַ הנהגה בדרך נס, העכער פון די הטבע.

לויט דעם, זאָגט דער 'בת עין' (חנוכה, ד"ה 'ונוכל'), אַ טעם פאַרוואָס ס'איז אַ מצוה צו צינדן די חנוכה לעכט נידעריגער פון צען טפחים פון דער ערד (שבת כא:) און מ'מאַכט די ברכה 'שעשה נסים', ווייל נאָר דורך דעם וואָס דער מענטש איז זיך מכניע - זיך אַראָפּצובייגן נידעריגער פון צען טפחים (אויך ווען קיינער רודפ'ט איהם נישט, נאָר ער האָט אַ צובראָכן האַרץ), וועט ער זוכה זיין צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די ניסים וואָס וועלן פּאַסירן מיט איהם בזמן הזה, אַזוי ווי די חשמונאים האָבן זוכה געווען אין די צייטן פונעם נס.

**יז.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל המעשה, אַ איד וואָס האָט לאַנגע יאָרן נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא. גאָר גרויס איז געווען זיין ווייטאָג און צער ווען די דאָקטוירים האָבן איהם אָנגעזאָגט די 'בשורה', אַז ער איזליידער נישט דאָ פאַר זיי קיין האָפענונג. בדרך הטבע, וועלן זיי חלילה קיינמאָל נישט קענען האָבן קינדער.

דער איד האָט אָבער נישט אויפגעגעבן האָפענונג. אין טאָג פון די הילולא פונעם 'בת עין' זי"ע, י"ב כסלו תשס"ח, איז ער געפאָרן מתפלל זיין ביים הייליגן ציון אין עיה"ק צפת תו"ב, און ער האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, פאַר אַ ישועה פון הימל. צום יאָר - 'כעת חיה' - י"ב כסלו תשס"ט, איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ בן זכר, למזל טוב.

**יח.** עס שטייט אין ספה"ק "תפארת שלמה" (פ' חוקת, ד"ה "יאסף") אויפ'ן פסוק (בראשית כה, ח) "ויאסף אל עמיו" - אברהם אבינו איז אריינגעברענגט געוואָרן צו זיין פאָלק (ד.מ. זיין נשמה איז צריק געקערט געוואָרן צווישן די נשמות פון צדיקים אין עולם העליון). לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, אברהם אבינו ע"ה איז דאָך געווען דער ערשטער פון די הייליגע אבות, און פון איהם קומט אַרויס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "ויאסף אל עמיו", כאילו אברהם איז "נאסף" געוואָרן צו די אידן? "מי נתלה במי", אידישע קינדער הענגען זיך אָן אין אברהם אבינו, און נישט פאַרקערט?

ענטפערט דער "תפארת שלמה", אַז די הייליגע נשמות פון די צדיקים, אויך נאָך דעם ווי זיי ווערן נסתלק פון דער וועלט, איז דאָס נאָר פאַר'ן מענטשליכן אויג, אָבער באמת טוהען זיי שטענדיג רוען צווישן אידישע קינדער און האָבן זייער השגחה אויף זיי. דעריבער זאָגט דער פסוק "ויאסף אל עמיו", אַז אברהם געפינט זיך צווישן אידישע קינדער אויך נאָך זיין הסתלקות, און דאָס זעלבע איז ביי אַלע צדיקים, און מיט דעם טייטשט דער "תפארת שלמה" אויך דעם פסוק ביי אהרן הכהן "יאסף אהרן אל עמיו", עיי"ש.

**יט.** אַזוי שרייבט דער 'קב הישר' (פרק עא) 'שהקדוש ברוך הוא גזר כן להיות נפשות הצדיקים מצויים על הקברות לטובת ישראל, שיהיו שומעין תפילת ותחינות ישראל, הבאים להתפלל על הקברים'. - דער אויבערשטער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז די נשמות פון די צדיקים זאָלן זיך געפינען אויף זייערע קברים פאַר די טובה פון אידישע קינדער, כדי זיי זאָלן הערן די תפילות און תחינות פון די אידן וואָס קומען מתפלל זיין ביי זייערע קברים.

**זעהען** מיר פון דעם, דעם גרויסן כוח פון תפילה ביי דעם ציון פון אַ צדיק, אַז אַפילו דער אויבערשטער כביכול האָט חושש געווען דערויף, נישט צוריקצוקערן ליידיג די תפילה פון אַ איד ביים ציון פונעם צדיק. אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געדאַרפט פאַרהוילן דאָס אָרט וואו משה רבינו ע"ה איז נטמן געוואָרן.

**אַזוי** געפינען מיר אויך דעם טעם פאַרוואָס רחל אמינו ע"ה איז באַגראָבן געוואָרן אויפ'ן וועג קיין אפרת אין בית לחם (רש"י, ריש פ' ויחי), כדי אידן זאָלן קענען מתפלל זיין ביי איר קבר ווען זיי וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות[כ].

**אַזוי** האָט יעקב אבינו ע"ה געזאָגט צו יוסף הצדיק, אַז ער האָט באַגראָבן רחל אויפ'ן וועג קיין אפרת, און ער האָט איר אַפילו נישט אַריינגעפירט קיין בית לחם, כדי זי זאָל קומען צו הילף פאַר אירע קינדער ווען נבוזראדן וועט זיי פאַרטרייבן, און זיי וועלן דאָרט אַדורכגיין, וועט רחל אַרויסגיין ביי איר קבר און זי וועט וויינען און בעטן רחמים פאַר אידישע קינדער.

**זעהען** מיר פון דעם אַז די אידן וועלן זוכה זיין צו די גאולה, אין זכות פון רחל אמינו, ווען זיי וועלן קומען זיך משתטח זיין ביי איר קבר, און אירע תפילות באַגלייטן די אידן אין גלות[כא].

**דער** אמת איז אָבער, אַז אויך דער מענטש וואָס איז נישט אימשטאַנד זיך משתטח צו זיין ביים ציון, דאַרף געדענקען די ווערטער פון הרה"ק בעל 'מאור עינים' זי"ע, ('ישמח לב', מסכת שבת), אַז ווען מ'לערנט דברי תורה פונעם בעל ההילולא, ווערט עס גערעכנט פונקט אַזוי ווי מ'וואָלט זיך משתטח געווען ביי דעם ציון.

### תערוך לפני שלחן - אַ סעודה לכבוד די נשמה פונעם צדיק

**עס** איז באַקאַנט די סגולה אָפצורעכטן אַ סעודה לכבודו און לטובת נשמתו פונעם הייליגן בעל ההילולא, דער מחבר פון 'בת עין' - הרה"ק רבי אברהם דוב בן הרה"ק רבי דוד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אַזאַ סעודת הילולא, איז בכוח צו פועל'ן גרויסע ישועות

---

**כ.** אַ איד וואָס האָט זיך געוואָלט אַוועקציען קיין אַמעריקע, האָט געפרעגט דעם אַמשינאָווער רבי'ן, הרה"ק רבי יאָסעלע זי"ע. דער אַמשינאָווער רבי האָט אָבער נישט מסכים געווען ער זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט איהם געזאָגט: 'איך האָב נישט מורא אַז די וועסט זיך חלילה אָפּקילן ביי שמירת שבת אָדער ביי כשרות... איך קען דיך דאָך אַלס אַ ירא שמים מרבים, און כ'בין זיכער אַז דו וועסט דאָרט נישט נכשל ווערן מיט האַרבע עבירות. איך קען דיך אָבער נישט געזעגענען צו פאָרן וואוינען אין אַמעריקע, ווייל דאָרט זענען נישט דאָ קברים פון צדיקים, וואו מ'קען זיך אויסוואַשן די אויגן מיט טרערן צו האָבן ערליכע קינדער (ביים היינטיגן טאָג, געפינען זיך שוין קברי צדיקים אויך אין אַמעריקע, און וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס האָט שכל אויסצונוצן די דאָזיגע 'גוטע מתנה'...).

אויב הרה"ק רבי יאָסעלע אַמשינאָווער האָט אַזוי געזאָגט אין זיין צייט, איז דאָך אַוודאי געוויס אין היינטיגן דור, ווען עס זענען ליידער דאָ אַזוי פיל שווערע און ביטערע נסיונות, הויפטזעכליך דורך די פאַרשאָלטענע און טמא'נע כלים, דאַרפן מיר זיך אַוודאי אויסוואַשן די אויגן מיט הייסע טרערן, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו ערציען ערליכע אידישע דורות, נאמנים לה' ולתורתו.

**כא.** די תפילה העלפט אָבער נאָר אויב מ'גלייבט באמת און באמונה שלימה אין דעם כוח פונעם צדיק, ווי דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ל, א) וואָס רחל האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, 'הבה לי בנים, ואם אין מתה אנוכי', און יעקב האָט איר געענטפערט 'התחת אלוקים אני' (שם, פסוק ב).

זאָגט דער בעלזער רב זי"ע, אַז דער אמונה אין אַ צדיק, איז אַנדערש פון די אמונה אין דעם אויבערשטען. אמונה אין דעם אויבערשטען קען איבערדרייען מערכות, אפילו אויב די אמונה איז נישט בשלימות. די אמונה אין דעם צדיק האָט אָבער אַ גרויסן כוח, נאָר דעמאָלס ווען מ'גלייבט באמת אין דעם כח פונעם צדיק. וויבאַלד רחל האָט געזאָגט 'ואם אין', איז דאָך אַ סימן אַז רחל האָט ספיקות אין דעם גרויסן כח פון יעקב אבינו ע"ה, און וועגן דעם איז ער נישט בכח איר צו העלפן. דאָס איז די כוונה פון יעקב'ס ענטפער צו רחל: 'התחת אלוקים אני' - צי דען בין איך בכח צו קענען העלפן אויך ווען מ'גלייבט נישט אין מיר בשלימות. נאָר די גאַנצע אמונה אין דעם כח פונעם צדיק, פועל'ט וואונדערליכע ישועות, העכער פון די טבע.

אַזוי זאָגט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע (געברענגט אין ספר 'אבני זכרון', ערך צדיק) אויף דעם פסוק 'ברוך אתה בבואך, וברוך אתה בצאתך'. דער מענטש וואָס גלייבט ווען ער קומט אַריין צו דעם צדיק ('בבואך'), אַז דער צדיק

פאַר אידישע קינדער[כב], ווי דער טאָהשער רבי זי"ע שרייבט ('עבודת עבודה') בזה הלשון: 'ידוע לי ממשפחה

---

איז כח צו פועל'ן פאַר איהם אַ ישועה, איז ער פאַרזיכערט אַז עס וועט ביי איהם מקוים ווערן 'ברוך אתה בצאתך', און ער וועט טאַקע זוכה זיין צו די ישועה...

מ'ווייסט טאַקע פון אַסאַך מעשיות וועגן דעם זכות פון דעם גרויסן צדיק, דער הייליגער 'בת עין' זי"ע, אויסצו'פועל'ן גוטע שידוכים, זרע של קיימא, און נחת דקדושה פון אַלע קינדער.

מיר האָבן געהערט פון איינע פון די חשוב'ע גדולי הדור שליט"א, אַז אין יאָר תשע"ז, איז זיין אַ טאָכטער געווען גע'גט ל"ע, און זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז דאָס האַרץ פון די עלטערן האָבן געפלאַצט פון גרויס צער. אין טאָג פון דעם יאָרצייט פונעם 'בת עין', י"ב כסלו, האָט ער געשיקט איינע פון זיינע תלמידים צו פראַווען אַ גרויסע סעודה פאַר די אָרימעלייט פון צפת. צוויי וואָכן שפּעטער, איז זין טאָכטער געוואָרן אַ כלה מיט גאָר אַ לייטישן בחור, 'עידית שבעידית' - ממש פלאי פלאים.

**כב.** מיר האָבן שוין דערציילט, אָבער ס'איז כדאַי איבערצודערציילן נאָך אַמאָל, אין דער סלאָנימער ישיבה, 'בית אברהם', אין ירושלים תובב"א, איז דאָ אַ 'קרן' וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט, אָפצוריכטן יעדעס יאָר אַ סעודה אין טאָג פון די הילולא, י"ב כסלו. ומעשה שהיה, כך היה:

צענדליגער יאָרן צוריק, האָט געלעבט אַ איד מיט'ן נאָמען הרה"ח ר' שלמה גראָס ז"ל, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט אויל וואָס ער האָט פאַרקויפט. קיין גרויסע פרנסות האָט ער נישט געצויגן פון דעם האַנדל, ווייל מ'אַרבעט שווער דערביי און מ'פאַרדינט ווייניג דערביי, אַזוי אַז עס האָט געהערשט אָרימקייט ביי איהם אין הויז.

אין טאָג פון די הילולא פון הייליגן בעל 'בת עין' זי"ע, איז ר' שלמה גראָס געפאָרן מתפלל זיין ביים הייליגן ציון, און האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, בעטנדיג דעם באַשעפער אין זכות פונעם בעל ההילולא, אַז זיין מזל זאָל אויפשיינען צו האָבן פרנסה בריווח. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים און האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער זוכה געווען צו זעהן אין חלום נישט קיין אַנדערן ווי דעם הייליגן 'בת עין' זי"ע, וועלכער האָט איהם געזאָגט: 'וויסן זאָלסטו, אַז דו האָסט מיר גורם געווען אַ גרויסע הנאה, ווען דו האָסט היינט מתפלל געווען ביי מיין קבר (עס איז באַקאַנט, אַז די נפטרים האָבן אַ גרויסע הנאה ווען מ'איז מתפלל ביי זייער קבר - זעה זוהר הקדוש פ' ויחי רבה). איך וויל דיך אָבער פרעגן אַ פראַגע: פאַרוואָס האָסטו נישט געפראַוועט אַ סעודה לכבוד מיין יאָרצייט?'

ר' שלמה האָט זיך תיכף אויפגעכאַפּט פון שלאָף. נישט טראַכטנדיג צופיל, האָט ער צוזאַמענגענומען אַביסל ברויט און אַנדערע עסן וואָס ער האָט געהאַט אין הויז, און האָט איינגעלאַדנט אַ מנין אידן צו קומען פראַווען די סעודת הילולא צוזאַמען מיט איהם. צומאָרגנס האָט ר' שלמה געקויפט אַ 'לאָטאָ', וואָס ער האָט געוואונען, ווערנדיג גאָר רייך דערפון. ער האָט שפּעטער אויפגעשטעלט אַ 'קרן' אין דער סלאָנימער ישיבה אין ירושלים, וואו ער האָט אַריינגעלייגט געלט פון וועלכע מ'פראַוועט יעדעס יאָר אַ יאָרצייט סעודה י"ב כסלו, לכבוד די הילולא פון הייליגן 'בת עין' זי"ע. דער 'קרן' האַלט אָן ביז'ן היינטיגן טאָג.

מיר וויסן פון אַ היימישע משפחה וועלכע מיר קענען פערזענליך, וואו די קינדער האָבן בעזהי"ת חתונה געהאַט איינער נאָכ'ן אַנדערן, מיט'ן אויסנאַם פון איין בחור, וועמען ס'איז געגאַנגען זייער שווער מיט שידוכים. ער איז שוין געווען נישט ווייניגער ווי פערציג יאָר אַלט, אַן עלטער וואָס הייסט לכל הדעות אַ 'זקנה מופלגת' פאַר אַ בחור אין שידוכים. צוזאַמען דערמיט האָט געוואַקסן דער צער און דער ווייטאָג פון דעם בחור און פון זיינע עלטערן און די גאַנצע משפחה.

חודש טבת תשע"ח, איז אַ שוועסטער פון דעם בחור געפאָרן צום ציון פון דעם 'בת עין', וואו זי האָט צוגעזאָגט אַז אויב איר ברודער וועט זוכה זיין צו ווערן אַ חתן ביז ראש חודש שבט פון יענעם יאָר תשע"ח, וועט די משפחה מאַכן אַ סעודת הודאה, און זיי נעמען זיך אונטער צו פראַווען אי"ה אַ סעודת הילולא קדישא, קומענדיגן יאָר י"ב כסלו. אַלזאָ, ביז צוויי וואָכן, האָט דער 'בת עין' באַצאָלט דעם חוב, און דינסטאָג, כ"ב טבת, איז דער פערזענליכער 'גלות' פון דעם בחור און זיין משפחה געקומען צו אַ סוף, בשעה טובה ומוצלחת, האָט מען געטוהן מיט איהם אַ גוטן שידוך...

אויך האָבן מיר געהערט פון דעם 'בעל העובדא', אַ בחור וועלכער איז שוין געווען אַ 'זקן בא בימים' (צוליב וועלכע ס'איז סיבה) און ער איז אין יאָר תשפ"א, צוויי וואָכן פאַר'ן יאָרצייט, געפאָרן צום ציון פון דעם הייליגן 'בת עין' זי"ע,

און זיך אויסגעוויינט זיין ביטער האַרץ פאַר אַ ישועה געהאָלפן צו ווערן מיט אַ גוטן שידוך בשעטו"מ. ער האָט אויך געפרעגט... אויך גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט זוכה זיין צו ווערן אַ חתן ביז דעם טאָג פונעם יאָרצייט, וועט ער קומען אַ צווייטן מאָל 'איינמעלדן' דעם בעל ההילולא זי"ע וועגן די ישועה, און ער וועט אויך פראַוּוען אַ סעודה לכבוד נשמתו הטהורה פון דעם צדיק. ביז צען טעג האָט מען געפּראַוועט אַ 'תנאים' בקול רינה ותודה...

אין אַ ישיבה אין דער שטאָט מודיעין, האָבן די בחורים גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה, אַז אויב ביז'ן יאָרצייט אין יאָר תשפ"א, וועלן דרייסיג בחורים פון ישיבה ווערן חתנים, וועלן זיי מאַכן אַ גרויסע סעודה לכבוד דעם 'בת עין'. יענעם יאָר, איז דער יאָרצייט אויסגעפאַלן אין שבת, און די בחורים האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו פּראַוּוען דעם שבת אין דער שטאָט קוממיות, לכבוד די הייליגע הילולא. די איינציגע זאַך איז אָבער געווען, אַז זונטאָג פאַר די הילולא, האָבן זיי געהאַלטן נאָר ביי די צאָל פון 29 חתנים... דער באַשעפער האָט אָבער אויסגעהערט זייערע תפילות, און דאָנערשטאָג נאַכט, אַ נאַכט פאַר'ן יאָרצייט, איז דער 'דרייסיגסטער' בחור געוואָרן אַ חתן בשעטומ"צ, און זיי זענען געפאָרן פּראַוּוען אַ פרייליכן שבת התאחדות, לכבוד דעם בעל ההילולא. ווען מ'האָט שפּעטער געפרעגט אַלע 'נוגעים בדבר', פאַרוואָס זיי האָבן אָנגעכאַפּט פונקט די צאָל פון דרייסיג בחורים, 'לא פחות, ולא יותר'... האָבן זיי אַליין נישט געוואוסט צו ענטפערן, נאָר אַזוי האָבן זיי אַרויסגעזאָגט מיט'ן מויל...

די דערמאנטע מעשה מיט די ישיבה אין מודיעין עילית, איז געוואָרן באַקאַנט אין דער וועלט, און אַ חשוב'ע ישובה אין ירושלים עיה"ק האָט 'נאָכגעמאַכט' דעם 'פּאַטענט', און זיי האָבן גענומען אַ קבלה טובה, אַז אויב צוואָנציג בחורים (די צאָל וואָס זענען 'איבערגעבליבן' פונעם שיעור...) וועלן ווערן חתנים, וועלן זיי פּראַוּוען אַ גרויסע סעודה אין טאָג פונעם יאָרצייט, י"ב כסלו תשפ"ב, און כך הוה, אַ וואָך פאַר'ן יאָרצייט, איז דער לעצטער פון די צוואָנציג בחורים, אַ חתן געוואָרן למזל טוב, בשעה טובה ומוצלחת...

פון דעם אַלעם לערנען מיר, אַז דער הייליגער בעל ההילולא, דער 'בת עין' זי"ע, שטייט און בעט דעם אויבערשטען אַז אידישע קינדער זאָלן געהאָלפן ווערן. ממילא, דאַרף מען זעהן מקיים צו זיין דעם פסוק 'הרחב פיך ואמלאהו', מ'זאָל זיך נישט באַגעניגענען מיט קלייניגקייטן, נאָר מ'זאָל בעטן גרויסע בקשות. דער הייליגער צדיק איז ראוי מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף איהם...

מיר האָבן געהערט פון הרה"ח ר' מאָטל ראָטמאַן שליט"א, אַ מעשה וואָס ער האָט בייגעוואוינט עטליכע יאָר צוריק. גייענדיג אויפ'ן גאַס י"ב כסלו, אין דער מאה שערים געגנט פון ירושלים, האָט רבי מאָטל באַגעגנט אַ איד, אַ 'בעל תשובה', וועלכער איז ליידער זייער אָרים ל"ע, און יענער האָט איהם אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן אַ 'וואַש מאַשין', ווייל די מאַשין אין הויז איז צובראָכן געוואָרן, און די קינדער דאַרפן האָבן ריינע, אויסגעוואַשענע קליידער, און ס'איז נישט דאָ ווער ס'זאָל זיי געבן... ער זוכט אַלזאָ אַ געשעפט וואָס פאַרקויפט 'וואַש מאַשינען', וואָס מ'רופט 'יד שניה' (גענוצטע), וואָס קאָסטן פיל ביליגער ווי אַ נייע מאַשין.

האָט רבי מאָטל פּרובירט אָפּרעדן דעם איד דערפון, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט, אַז אַ צווייט-האַנטיגע (גענוצטע) 'וואַש מאַש'ין איז נישט כדאי צו קויפן, ווייל מ'קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַר אַ שאָדנס מ'קען האָבן פון נוצן אַזאַ מאַשין. רבי מאָטל האָט איהם אַלזאָ געראָטן, היות ס'איז היינט דער יאָרצייט פון דעם הייליגן 'בת עין' זי"ע, און ער גרייט זיך צו פאָרן קיין צפת כדי זיך משתטח צו זיין ביים ציון פונעם 'בת עין', זאָל ער מיטקומען מיט איהם, און מ'וועט בעזהי"ת פועל'ן פאַר איהם אַ גרויסע ישועה.

אַלזאָ, דער איד איז מיטגעקומען מיט רבי מאָט'לען קיין צפת, און במשך פון גאַנצן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט רעדן וועגן די 'וואַש מאַשין', וועלכע מאַשין איז גוט, און וועלכע נישט... און בכלל, איז ער זייער באַזאָרגט וואָס עס וועט זיין דער סוף, ווי אַזוי מ'וועט וואַשן די קליידער פון זיינע גרויסע און קליינע קינדער... נאָכ'ן מתפלל זיין ביים ציון, זענען זיי געפאָרן קיין מירון, וואו זיי האָבן געקויפט אין 'גראָסערי' ברויט און אַנדערע שפּייז צו פּראַוּוען די סעודת הילולא ביים ציון הרשב"י זי"ע.

אַרויסקומענדיג פונעם ציון הרשב"י, האָט געקלינגען דער טעלעפאָן פון דעם 'בעל תשובה', וואו מ'האָט איהם 'אָנגעזאָגט די בשורה', אַז אַ 'לאָטאָ' וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ געוויסן מוסד אַ לאַנגע צייט צוריק, האָט געוואונען אַ ... נייע פאָרגעשריטענע וואַש-מאַשין!...

רבי מאָטל האָט אויסגעפירט מיט ווייטאָג וועגן יענעם נצרך, דער צדיק האָט דאָך אַ גרויסן כח משפּיע צו זיין אַסאַך שפע, איז דאָך ממש אַ שאָד אַז דער איד האָט איינגעצוימט די גאַנצע שפע אין אַ 'וואַש מאַשין', וואָס

ער האָט טאַקע באַקומען. אויב ער וואָלט געבעטן מיט גרעסערע 'השגות', וואָלט ער אַוודאי גע'פועל'ט פיל מער...
(רבי מאָטל אַליין דערציילט וועגן זיך, אַז ער פערזענליך, האָט בעזהי"ת גע'פועל'ט ביי יענע נסיעה, גרויסע ישועות).

אין יאָר תש"פ, האָט אין ארץ ישראל פּאַסירט דאָס פאָלגענדע: דער שטייער אַמט האָט זיך 'געוומען' צו אַ יונגערמאַן וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט, און אָנגעהויבן 'זוכן' אין די ביכער פון זיין געשעפט, כדי צו זעהן דעם 'באַלאַנס', צווישן די הוצאות וואָס ער מעלדט איין פאַר'ן שטייער אַמט, און די הכנסות... עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס געשעפט האָט גרויסע 'הוצאות', ווי צום ביישפיל, זעקס סעלעפאָנס, אין דער צייט ווען נאָר איין טעלעפאָן ווערט גענוצט פאַר דעם געשעפט. דער באַלעבאָס פונעם געשעפט פאַרמאָגט צוויי קאַרס, אין דער צייט ווען פאַר דעם געשעפט, איז גענוג נאָר איין קאַר. אויך דער באַלעבאָס אַליין האָט לעצטנס פאַרברענגט מיט זיין משפחה אין אַ גרויסן האָטעל, במשך פון אַ גאַנצער וואָך, 'אויפ'ן חשבון' פון די הוצאות.

יעדער וואָס איז אַביסל באַקאַנט, ווייסט אַז פאַר אַזעלכע זאַכן, קען מען באַקומען אַ האַרבע טורמע שטראָף ח"ו. אינמיטן די אויספאָרשונגען, האָט דער יונגערמאַן זיך דערמאַנט פון דער וואונדערבאַרער סגולה צו געבן אַ סעודה לטובת נשמת הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע. ער האָט אויפ'ן אָרט מקבל געווען אויף זיך אָפּצופּרעכטן אַ סעודה אין דעם יאָרצייט טאָג, י"ב כסלו, און ממש אין יענע מינוט, האָט דער שטייער אַגענט זיך אָנגערופן צו איהם: 'הער זיך איין. דאָס מאָל בין איך פאַר דיר מוותר אויף אַלעם... אָבער אָך און וויי צו דיר, אויב דו וועסט נאָך אַמאָל איבער'חזר'ן אַזעלכע זאַכן'. ער האָט איהם דערנאָך אַהיים געשיקט פריי!

מיר ווייסן פון אַ מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען אין שנת תשע"ה. אַ יונגערמאַן פון וויליאַמסבורג האָט נישט געקענט איינשלאָפן, און ער איז געגאַנגען פאַר אַן אונטערזוכונג ביי אַן איינפאַכן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אויף איהם געמאַכט אויך אַן 'אי קעי דזשי' טעסט, און ביים זעהן די רעזולטאַטן, האָט דער דאָקטאָר - אַ דערשראָקענער - געפרעגט דעם יונגערמאַן, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען ביים האַרץ-דאָקטאָר... האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט, אַז ער איז געווען ביים האַרץ דאָקטאָר אַ האַלבע יאָר פריער. האָט דער דאָקטאָר אויפ'ן אָרט איהם געשיקט צום האַרץ דאָקטאָר, נאָך יענעם פאַרמיטאָג. ווען דער דאָקטאָר האָט געזעהן אַז דער יונגערמאַן פאַרשטייט פשוט נישט די ערנסטקייט פון זיין געזונט צושטאַנד, האָט ער אַליין טעלעפאָנירט אויפ'ן אָרט צום אָפיס פונעם האַרץ דאָקטאָר, און געמאַכט אַן 'אַפּאָינטמענט" פאַר דעם יונגערמאַן אויפ'ן מאָרגנדיגן טאָג.

אַלזאָ, אַ טאָג שפּעטער, ווען דער האַרץ דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, האָט ער געזעהן אַז דער הויפּט אָדער וואָס פירט צו זיין האַרץ, איז אין כמעט אינגאַנצן פאַרשטאָפּט. אַזוי קען דער אָדער יעדע סעקונדע זיך אינגאַנצן פאַרשטאָפּן, און חלילה אַריינברענגען דעם יונגערמאַן אין אַ זיכערער לעבנס-געפאַר... אויפ'ן אָרט, האָט ער געוואָלט מאַכן אַן אָפּעראַציע ('בייפּעס' בלע"ז), אָבער דער יונגערמאַן האָט שטאַרק געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבן און איהם ערלויבן זיך אַרומצודרייען נאָך אַ טאָג איבער די גאַסן, ווייל דער דירעקטאָר פון דער באַנק וואו ער האַלט אַ קאָנטע, לויפט איהם שוין נאָך אַ לענגערע צייט און ער וואָרנט איהם, אַז אויב ער וועט היינט נישט אַריינברענגען אַזוי פיל און אַזוי פיל געלט, וועט מען שליסן זיין חשבון... רעדנדיג, האָט דער דאָקטאָר טאַקע געזעהן ווי דער באַנק-דירעקטאָר טעלעפאָנירט נאָך אַמאָל צו דעם יונגערמאַן, און ער האָט איינגעשטימט איהם אַהיים צו שיקן, מיט'ן תנאי ער זאָל גאָרנישט עסן פון חצות ביז אויף צומאָרגנס, און ער זאָל צוריקקומען צו איהם צומאָרגנס, כדי צו מאַכן די פּראָצעדור אויפ'ן האַרץ.

פון דאָרט האָט דער יונגערמאַן זיך פאַרבונדן מיט זיינעם אַ ידיד, אַ איד אַ גרויסער בעל חסד, און געבעטן אַ הלוואה אויף אַ געוויסע סומע געלט, וואָס ער דאַרף שנעל אַריינטראָגן אין באַנק, נאָך פאַר מ'וועט אַדורכפירן איבער איהם דעם 'צינטור' ('בייפּעס'). רעדנדיג, האָט דער יונגערמאַן געזאָגט: איך בין פאַרנומען מיט פאַרשידענע סגולות וואָס איך טוה כסדר, אָבער דערוויל האָב איך נישט זוכה געווען צו אַ ישועה. איך בין אַ 'יונגערמאַן' אַ בעל חוב, און אַ חולה מסוכן רח"ל... האָט זיין ידיד דער בעל צדקה וחסד, איהם געזאָגט:

- צי איז עס דען ביי דיר אַ קלייניגקייט... דו ביזט געקומען צו אַ פשוט'ן דאָקטאָר וועגן 'שוועריגקייטן ביים שלאָף', און פון דאָרט האָט זיך דאָס רעדל געדרייט און דיין לעבן איז ממש געראַטעוועט געוואָרן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין דער לעצטער מינוט אַז דו דאַרפסט אַדורכגיין אַ 'בייפּעס' וואָס שנעלער. מיין עצה צו דיר איז דעריבער, היות מאָרגן איז די הילולא פון הייליגן 'בת עין' זי"ע, זאָלסטו נישט פאַרגעסן צו צינדן אַ לעכטל לטובת נשמתו, און זאָגן תהלים, און מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, אין זכות פון דעם צדיק, וועסטו בקרוב געהאָלפן ווערן מיט די גאַנצע ישועה.

אחת בארץ ישראל אשר הוזקקו לדבר ישועה ורחמים, וערכו סעודה ביום ההילולא קדישא, ותיכף נושעו בישועה רבתי למעלה מדרך הטבע' - איך ווייס וועגן אַ משפחה אין ארץ ישראל וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, און זיי האָבן געפּראַוועט אַ סעודה אין דעם טאָג פון די הייליגע הילולא, און זיי זענען באַלד געהאָלפן געוואָרן מיט אַ גרויסע ישועה, למעלה מדרך הטבע, עכ"ל[כג].

---

ווען זיין ידיד האָט דערמאנט די הילולא פונעם 'בת עין', איז דאָס פּנים פון דעם יונגערמאַן געוואָרן בלאַס, און ער האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין גוטן פריינט, אַז ער איז פון די מענטשן וואָס גלייבן טאַקע אין דעם כח פון די צדיקים, און וועגן דעם האָט ער אַ יאָר פריער, י"ב כסלו תשע"ד, געפּראַוועט אַ סעודה ביי זיך אין הויז פאַר צען אידן, אָבער היי יאָר, איז ער שבת פאַר דעם יאָרצייט (שבת פרשת ויצא) געווען אין שול, און נאָכ'ן דאַווענען איז אויסגעקומען צו רעדן מיט די אַנדערע מתפללים וועגן די סגולה פון מאַכן אַ סעודה, און ער האָט אויסגערופן הויך, אַז ער האָט פאַריאָר געמאַכט אַ סעודה לכבוד דעם יאָרצייט, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן... זיין מצב אין פרנסה איז אומדערטרעגליך. ער איז טאָג-טעגליך געצוואונגען צו 'דרייען' מיט געלט, לויפנדיג פון איין גמ"ח צום אַנדערן... א.א.וו. אַלזאָ, ער האָט אין משך פון יאָר זינט ער האָט געמאַכט די סעודת הילולא, נישט געזעהן אַ ישועה.

האָט אַ צווייטער איד זיך אָנגערופן צו איהם, 'כמסיח לפי תומו': דער מענטש קען דאָך נישט וויסן וואָס עס קומט פאַר מיט איהם. ער שפּירט גאָרנישט. עס איז גאַנץ מעגליך אַז אויף דיר איז חלילה נגזר געוואָרן דו זאָלסט אַפילו נישט איבערלעבן דאָס יאָר ח"ו, און מעגליך אַז נאָר אין זכות פון די סעודת הילולא וואָס דו האָסט געפּראַוועט פאַר אַ יאָר, איז דיין לעבן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אָן דעם וואָס דו זאָלסט אַפילו וויסן וועגן דעם...

דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט צו זיין ידיד, אַז יעצט זעהט ער איין די גערעכטיגקייט פון די ווערטער פון יענעם מתפלל אין שול, וואָס האָט ממש געזאָגט 'נביאות' און ווערטער פון רוח הקודש, ווייל זיינע פיס האָבן איהם געפירט צו דעם 'קליינעם', פשוט'ן דאָקטאָר, זיך אָפּצורעדן איבער שוועריגקייטן צו שלאָפן, און דאָס האָט גאַנץ מעגליך געראַטעוועט זיין לעבן... ווען ער גייט נישט דעמאָלס צום דאָקטאָר, וואָלט זיין האַרץ מעגליך אויסגעגאַנגען ח"ו, און מ'וואָלט 'געפּראַוועט' אויך זיין יאָרצייט, אין דעם טאָג פון י"ב כסלו...

אַלזאָ, דער יונגערמאַן האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַ מנין אידן, נאָך פאַר חצות, ווען ער וועט שוין נישט קענען זיין ביים יאָרצייט סעודה. צום סוף, האָט די מעדיצינישע פּראָצעדור געהאַט ערפאָלג, און וואונדער איבער וואונדער: הכל בא על מקומו בשלום...

**כג.** אגב, ווען דעם ענין פון אַ סעודת מצוה בכלל, האָט דער 'בת עין' אַליין דערציילט, אַ זאַך וואָס ער האָט בייגעוואוינט: אַ איד פון דער שטאָט טשערנאָביל, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו הרה"ק רבי מאָטעלע טשערנאָבילער זי"ע, און ער האָט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות ביי דעם ברית פון זיין זון. האָט דער מגיד איהם געפרעגט, צי ער וועט אויך מאַכן אַ סעודה לכבוד דעם ברית. האָט דער איד געענטפערט מיט אַ קרעכץ:

- הייליגער רבי! איך פאַרדין קוים פינף מטבעות אַ וואָך, אַזוי אַז איך האָב קוים אויף צום לעבן און שפּייזן מיינע קינדער מיט 'לחם צר ומים לחץ'. איך האָב נישט קיין געלט צו מאַכן אַ סעודה לכבוד דעם ברית.

האָט דער טשערנאָבילער מגיד איהם געזאָגט: 'אויב דו ווילסט אַז איך זאָל זיין סנדק ביי דיין זון, דאַרפסטו מיר זאָגן אַז דו וועסט מקיים זיין דעם מנהג ישראל צו מאַכן אַ סעודה לכבוד דעם ברית. גיי אַריבער צו דיין באַלעבאָס ביי וועמען דו אַרבעטסט, און בעט איהם ער זאָל דיר אויסצאָלן אין פאָראויס פאַר דער אַרבעט פון קומענדיגער וואָך הבעל"ט, און דערנאָך זאָל ער דיר אַראָפּנעמען פונעם געהאַלט איין מטבע פאַר אַ וואָך, אין די קומענדע פינף וואָכן'.

דער מגיד האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיינע ווערטער, דער נאָמען פון דעם שר של עשו איז דאָך סמא"ל, און די ראשי תיבות פון דעם נאָמען איז ראשי תיבות ס'עודת מ'ילה א'ין לעשות. ס'עודת מ'צוה א'ין ל'עשות. ס'יום מ'סכת א'ין ל'עשות. אויף די דריי זאַכן, קעמפט דער יצר הרע מיט אַלע כוחות צו שטערן אידישע קינדער פון מקיים זיין אַ סעודה לכבוד אַ מצוה, אָדער אַ ברית, אָדער אַ סיום מסכתא. לגבי סיום מסכתא, איז עס איהם ליידער געלונגען. איך בין אָבער נישט מסכים אַז ער זאָל עס קענען באַווייזן, אַז אידן זאָלן נישט געבן אַ סעודה ביי אַ ברית. וועגן דעם בין איך אַזוי מחמיר ביי דיר, אַז דו זאָלסט מקיים זיין דעם מנהג ישראל צו געבן אַ סעודה לכבוד דעם ברית.

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, דער זכות פונעם בעל ההילולא זאָל אונז באַשיצן[כד], געהאָלפן צו ווערן במהרה בדבר ישועה ורחמים משמי שמי קדם, מיט ישועות ברוחניות ובגשמיות, ישראל נושע בה' תשועת עולמים, אמן.

---

דער 'בת עין' איז געווען אַנוועזנד ביי די מעשה. שפּעטער האָט דער 'בת עין' געזאָגט אַ הסבר פאַרוואָס דער שטן טוט זיך אַזוי שטאַרק אַנטקעגן שטעלן דאָס מאַכן די דריי סעודות, ווייל ווען דער שטן איז מקטרג אויף אַ איד אַז ער האָט חלילה עובר געווען אויף אַ מצוה פון דער תורה, ענטפערט איהם דער מלאך מיכאל, צי האָסטו דען געזעהן מיט וואָס פאַר אַ צובראָכן האַרץ אַ איד טוט אַן עבירה? אויך ווען ער האָט געטוהן די עבירה איז ער געווען צובראָכן פון דעם וואָס דער יצר הרע האָט איהם אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ. פון דער צווייטער זייט, קוק און זעה די גרויסע שמחה וואָס אידן האָבן ווען זיי זענען מקיים אַ מצוה. די פייערן אַ יום טוב, און מאַכן אַ סעודה פאַר זייערע גוטע פריינט. די דאָזיגע טענה פונעם מלאך מיכאל, פאַרשטאָפּט דאָס מויל פונעם מקטרג, און וועגן דעם פאַרלייגט דער שטן אַזעלכע כוחות אַז אידן זאָלן נישט מקיים זיין דעם ענין פון שמחה של מצוה, פרייען זיך ווען זיי זענען מקיים אַ מצוה, ווייל דורך די דאָזיגע שמחה ווערן בטל אַלע זיינע קיטרוגים.

**כד.** עס ווערט דערציילט (אין ספר 'עירין קדישין'), אַז אַ איד האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר דעם הייליגן רוזינ'ער זי"ע, אויף אַ צרה וואָס ער האָט געהאַט, און זיך געבעטן ביים רוזינ'ער ער זאָל אויס'פּועל'ן פאַר איהם אַ ישועה, און דער רוזינער האָט איהם טאַקע אָנגעוואונטשן אַ ישועה. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט דער טשאָרטקובער רבי, הרה"ק רבי דוד משה זי"ע (דעם רוזינער'ס זון, וועלכער איז דאַן געווען אַ קינד פון עלף יאָר), געפרעגט דעם איד, וואָס האָט דער רבי אייך געזאָגט. האָט דער איד געענטפערט, אַז דער רבי האָט איהם געוואונטשן, 'דער אויבערשטער זאָל דיר העלפן'. האָט דאָס הייליגע קינד (דער שפּעטערדיגער טשאָרטקובער רבי) געזאָגט צו דעם איד, 'גייט אַריין צו מיין הייליגן טאַטן, און פרעגט איהם, און וואָס וועט זיין ביז דער אויבערשטער וועט העלפן?'...

דער איד האָט אַזוי געטוהן, ער איז אַריינגעגאַנגען צום רוזינער, און דער רוזינער האָט איהם געענטפערט: 'דער אויבערשטער וועט העלפן ביז ער וועט העלפן'...

לויט דעם האָט דער רוזינער געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כח, טו) 'כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך'. דאָס הייסט, אויך אין דער צייט ביז איך וועל טוהן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט דיר צו העלפן, וועל איך דיך אויך נישט פאַרלאָזן...

ענליך טייטשט דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע ('דברי יחזקאל', ליקוטים) די ווערטער וואָס מיר זאָגן (זמירות ליל שב"ק) 'ושויתי ה' לקראתי, שתרחמני עוד בגלותי לגאלינו'. מיר בעטן פון דעם אויבערשטען, ער זאָל זיך שוין יעצט דערבאַרימען איבער אונז, ווען מיר זענען נאָך 'בגלותי', ביז ער וועט אונז אויסלייזן בקרוב מיט די גאַנצע גאולה, אמן כן יהי רצון.